וויבעצענטער יאָהרגאַנג
№ 50
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblijot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

Piątek 16 grudnia 1938 | ליכט-צינדען 3 09 | פרייטאג כ"ג כסלו פ' וישב תרצ"ט

שבת, ד. 17 גרודזיען 1938 י. 4 אַ זייגער נאָכם. קומט פאָר אין דער בייער שוהל

א גראַנדיעזע חנוכה-פייערונג

ווער קרן-היסוד בצ'נסטוכוב.

אויף וועלכער עס וועט אַריסטרעטען דער מיטגל. פון די וועקטאַריום פון „קרן היסוד", פיהרער פון לעטישען יודענטום

הרב ד"ר מרדכי נוראָ

א. ד. ט.: „ווען א פאָלק וואַכט אויף".

איינגאַנג פריי.

P. Drowi Feliksowi Nowakowi

za troskliwe i bezinteresowne zaopiekowanie się Ojcem naszym w szpitalu i dalsze w domu, serdeczne dziękują

Złotnikówne.

צו דער חתונה פון אונזער ליבע טאָכטער

אסתר אבראמאָוויטש

מיט ה'

זלמן אלימלך ענגעל

שענקען מיר פאַר די אינסטיטוציעס פאָלגענדע סומען:

1) „מחזיקי הדת" — 50 זל.
2) פליטים — — — 50 זל.
3) שפּיטאָל — — — 50 זל.
4) „תומכי עניים" — 60 קג. ברויט און 15 קג. חלות
5) זקנים און יתומים הויז — 25 זל.
6) „טאָז" — — — 25 זל.
7) „בית לחם" — — 20 זל.
8) „עזרה" — — — 20 זל.
9) „לינת הצדק" — — 15 זל.
10) „הכנסת אורחים — 10 זל.
11) „מלבוש ערומים" — 10 זל.

דאס געלד איז אָבצונעמען אין רעדאַקציע געגען קוויטונגען.

א. אבראַמאָוויטש און פרוי.

נאָר 1 אויפטריט **נאָר 1 אויפטריט**

פון וואַרשאַווער ליטעראַרישען קינסטלערישען טעאַטער

יודישע באַנדע

בראש מיט די בעריהמטע רעווי-אַרטיסטען

חנה גראָסבערג, ד. ראַבקאָווסקי, זישע קאַץ, דוד לעדערמאַן, אייזיק ראָטמאַן א. א.

ביים קלאַוויר: קאָמפּאָזיטאָר פערשקא.

זונטאָג, 18 ד.ח. 9 אָוונט אין **פייערלעשער-זאַל**

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן.

Z okazji zaślubin p. ESTERY ABRAMOWICZÓWNY z p. Z. ENGLEM życzą szczęścia a Rodzicom pociechy

PERSONEL
firmy A. Abramowicz, Aleja 4.

אונזער שוועסטער און שוואגער יהושע לאַפידעס און פרוי

צו די תנאים פון זייער זוהן יודל מיט פרל. **רייזל יאַכימאָוויטש**

פיעל גוטעס ווינשען

צבי וואָלמאַן און פרוי, פייוויש סקושינאַ און פרוי

נ"ע יוסף ב"ר זאב נ"י שטיבעל

איז געשטאָרבען אין עלטער פון 55 יאהר.

די לויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך דעם 14 גרודזיען 1938 יאהר כ"א כסלו תרצ"ט.

די אַלע וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער או: פארגעסליכען נפטר בעזונדער דעם וועד מיט די מתפללים פון ראָספשער שטיבעל מיט דעם ה' בעריש וויינבערג אין דער שפּיץ דריקען מיר אויס זייער הארציגען יישר כוחכם.

די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, קינדער און פאַמיליע.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער

פאַמיליע שטיבעל

צוליב'ן טויט פון זייער אוגפערגעסליכען מאַן און פאָטער

נ"ע יוסף אלתר שטיבעל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע מאַיעראָוויטש

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון דער **פאַמיליע שטיבעל**

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטען מאַן און פאָטער

נ"ע יוסף אלתר

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

בערל האָפמאַן און פאַמיליע

דער **פאַמיליע שטיבעל**

צוליעב'ן טויט פון זייער הייס-געליבטען מאַן און פאָטער

נ"ע יוסף אלתר

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

הערמאַן שאַיא און פאַמיליע

צוזאַמען מיט דער פער'יתום'שער **פאַמיליע שטיבעל**

בעוויינען מיר דעם טויט פון אונזער האַרציגסטען פריינד

נ"ע יוסף אלתר

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

שלום בושאָסקי און פאַמיליע.

אונזערע שכנים ה' **הירצקע דראָזשדזיק** און פרוי

צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן **ראַמעק** מיט פרל. **טאַניא קליימאַן** ווינשען מיר צו זעהען ביי זיי א סך נחת, דעם יונגען פאָר—פיעל גליק.

ב. באָטשאַן און פרוי.

Mgr. Janina Glazerówna | **Dr. Szulim Wajs**

Szczakowa | ZARĘCZENI | Częstochowa

w grudniu 1938 r.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבען זוהן **ד"ר שלום**

מיט פרל. **מגר. יאַנינאַ גלאַזער**

אונזערע הארציגסטע ברכות פון דער ווייטענס

חיפה, א"י. יוסף און צורטל ווייס.

אונזער ליבען ברודער און שוואגער **ד"ר שלום ווייס** מיט פרל. **מגר. יאַנינאַ גלאַזער**

ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט, די עלטערן—פיעל נחת

משה און אליעזר, מאַכל, שרה און צבי
עזריאל, רבקה און גדליה.

חיפה, א"י.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער און שוואגער **ד"ר שלום ווייס**

מיט פרל. **מגר. יאַנינאַ גלאַזער** אונזערע הארציגסטע ברכות און די עלטערן פיעל נחת

טשענסטאָכאָוו **אבירהם, געניאַ און פאַמיליע.**

מזל-טוב און די בעסטע וואונשען אונזער ליבען ברודער און שוואגער **ד"ר שלום ווייס**

צו זיינע תנאים מיט פרל. **מגר. יאַנינאַ גלאַזער**

די עלטערן זאָלען ביי אייך זעהען א סך נחת.

טשענסטאָכאָוו **לייב און פאַלאַ.**

W niedzielę, dn. 18 b. m. odbędzie się w Gimnazjum Żyd. (Jasnogórska 8—10)

WIECZÓR CHANUKOWY

dla rodziców i przyjaciół szkoły.

Początek punktualnie o godz. 8 min. 15 wiecz.

געזעלשאַפט „הכנסת אורחים"

זונטאָג כ"ה כסלו 5 נאָכם. אין אייגענעם לאָקאַל, גאַרנצאַרסקאַ № 65 קומט פאָר א

סיום וחנוך ספר-תורה

אויף וועלכער ס'ווערט איינגעלאַדען די גאַנצע היגע געזעלשאַפט פון שטאָדט.

די פערוואַלטונג

דאס נייען די יריעות דורך די ג. פרויען וועט זיך אָנהויבען 2 נאָכמיטאַג.

געזעלשאַפט צו פערשפרייטען מלאכה און ערד-אַרבייט צווישען יודען

„אָ ר ט"

מאַכט בעקאַנט, אַז שוין אין די נאָהנטסטע טעג ווערען געעפענט קורסען פאַר פאָלגענדע פאַכען:

1) האָלץ-מאָדעלעריי פאַר מעטאַל-אויסאַרבייטונגען
2) שווייסעריי פאַר מעטאַל
3) טעכנישע צייכנונגען פאַר טישלער און שלאָסער

אָנגעפיהרט דורך קוואַליפיצירטע אינסטרוקטאָרען און אינזשיניערען.

איינשרייבונגען קומען פאָר אין דער קאַנצעלאַריע פון „אָרט", אַלעע 12 יעדען טאָג פון האַלב 8 ביז האַלב 9 אָוונט.

אכטונג געזעלען!

פאַר אַלע געזעלען (מענער און פרויען) עלטער פון 23 יאָהר, וועלכע האָבען צוליעב געוויסע סיבות נישט געהאַט קיין מעגליכקייטען צו ענדיגען די דערגענצונגס-שולע ווערט אָרגאַניזירט

א קורץ - טערמיניגער קורס

אין דער האַנדווערקער-שולע, גאַרנצאַרסקאַ 8

כדי צו געבען די מעגליכקייט די געזעלען צו בעלייגען דעם געזעלען-עקזאַמען.

אינפאָרמאַציעס און איינשרייבונגען קומען פאָר אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע נור ביז'ן 22-טען ד. ח.

אַלע פּראַאינטערעסירטע געזעלען דאַרפען אויסנוצען די דאָזיגע זעלטענע געלעגענהייט.

פערוואַלטונג פון דער דערגענצונגס-שולע

באַמערקונג: דער דאָזיגער קורס וועט מעהר נישט ווידערהאָלט ווערען.

וויעלון! וויעלון!

קרן קימת לישראל

שבת-צו-נאַכטס קומט פאָר אין „מכבי"-זאַל

א חנוכה-אָווענד

מיט פערשידענע אַטראַקציעס, פערבינדען מיט א

טאַנץ-פערוויילונג

בופעט אויפ'ן אָרט. גוטער דושאַז-אָרקעסטער.

האַלאָ וויעלון האַלאָ

ביי מיר בעקומט מען צום עסען, בעקען און בראָנען, אויך

בוימאייל

פערשידענע זייפען אַלץ צו ביליגע פרייזען.

טוסק, וויעלון, קרולעווסקאַ 9.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.

מאַכט בעקאַנט, אַז איצט ווערט געוואַשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאַפט האָבען מיר פערביליגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 12 גר.
א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואַשען און פאַרבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

נאר נישט פערלירען דאס גלייכגעוויכט

פערגאנגענעם דינסטאג אווענד ווען די פיקעטניקעס זענען אנגעקומען מיט פאראד, אנגעפיהרט דורך די לידער פון דער פארטיי היגע אנגעזעהענע בירגער און האבן זיך אוועקגעשטעלט ביי די יודישע געוועלבער און אויס-געשריגען זייערע העסליכע זלזולים, איז מיינס א פריינד צוגעקומען צו מיר און מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגעשריגען: ווי קאן דאס זיין? דערביי איז ער געווארען אזוי פער-צווייפעלט, אז ס'איז געווען א סכנה, דאס דער מענש זאל נישט אנידער-פאלען אין גאס פאר עגמת נפש.

נאך מעהר פערביטערט איז מיין פריינד געווארען, ווען איך האב מיט בטול אוועקגעמאכט זיין גאנצע דע-נערווירונג. מענש—האט ער אויסגע-שריגען—דו זעהסט, נישט וואס דא טהוט זיך? מילא, איך רעד שוין גישט וועגען דעם עקאנאמישען שאדען, וואס די פיקעטען ברענגען אונז, וואס ס'איז אויך נושט ערלויבט לויט דער קאנסטיטוציע, ווייל מיר יודען זענען פונקט די זעלבע בירגער מיט די זעל-בע רעכט, וואס אלע בירגער אין פוילען, אבער נאך מעהר פערדריסט, וואס אט די לאבוזעס בעליידיגען אונז מאראליש און קיינער רעאגירט נישט דערויף. דאס איז דאך שרעקליך, דאס איז דאך—און מיין פריינד האט זיך צוש פערכלינעט פאר כעס.

א לענגערע צייט האט געדויערט ביז מען האט מיין פריינד געקאנט בערוהיגען און איהם אויפמערקזאם מאכען, אז אלס יוד, אלס קינד פון אלטען ישראל סבא, וואס האט אדורכ-געמאכט א טויזענד-יעהריגע מארטירא-לאגיע און פונדעסטוועגען לעבען מיר און עקזיסטירען, איז זיך נישט דא פון וואס איבערצונעמען.

מיר זענען זינט העכער צוויי טוי-זענד יאהר צוזייהט און צושפרייט אי-בער אלע עקען פון דער וועלט, או-מעטום און אין אלע צייטען האט מען אונז געפייניגט און פערפאלגט, גע-שאכטען און געמארדעט, גזרות אויף גזרות און פונדעסטוועגען איז דאס יודישע פאלק געבליבען צעמענטירט אלס א איינהייטליכער יודישער קבוץ מיט אנ'אייגענארטיגע קולטור און מענטאליטעט.

אין משך פון יאהרען פון פיין זע-נען נאר איינצעלנע אוועק אין לאגער פון די פייניגער. דאס פאלק אבער אלס גאנצעס, איז געבליבען און טראגט דורך יסורים און פיין זיין פאהן פון גערעכטיגקייט און יושר.

אונזערע עלטערען האבען די דאזי-גע יסורים מקבל באהבה געווען. זיי זענען געווען שטאלץ דערמיט, וואס די שטארקע בעוואפענטע קעמפען מיט שוואכע שוצלאזע און קאנען זיי נישט מנצח זיין. זאלען מיר דעריבער אויך אויפהויבען די קעפ, זאלען מיר שטאר-קען ביי זיך די אמונה פון אונזערע זיידעס און זיין ביי זיך פעסט און שטאלץ, אז מיר, די אייניקלעך שטע-הען נישט אפ און פערלירען נישט די קעפ.

זאל סיין פריינד נישט ווערען פער-צווייפעלט. אמת, עס פערדריסט די הפקרות, וואס הערשט אויף דער וועלט לגבי דעם שוואכען, אלס יוד, אבער מיט אזא אלטער פערגאנגענהייט און אזוי פיעל פראקטיק מוזען מיר זיין אויסגעהאלטען, עקשנות'דיגער אויס-דויער דארף זיין אונזער דעוויז.

מען מעג אונז אנטהון וואס פארע יסורים, דאס גלייכגעוויכט טאר מען בשום אופן נישט פערלירען...

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— די פערזאמלונג פון ענגלישע פארלאמענטאריער פון אלע פארטייען האט געשאפען א פליטים-קאמיטעט, אין וועלכען עס זענען אריין פארשטעהער פון אלע פארטייען פון ביידע קאמערן. די אויפגאבע פון קאמיטעט איז צו בעווירקען די ענגלישע רעגירונג צו ענטשיידענע שריט בנוגע דעם שאפען נייע היימען פאר די פליטים פון דייטש-לאנד.

— אין פיעל פראנצויזישע שטעדט און אויך אין אלזשיר זענען פארגעקו-מען גרויסע גאסען-דעמאנסטראציעס געגען איטאליען.

— „דיילי טעלעגראף" מעלדעט, אז די ענגלישע רעגירונג בעטראכט א פראיעקט צו שאפען א נייע יודישע נאציאנאלע היים אין אפריקא אין מזרח-געביעט פון צפון-ראדעזיא, וואס איז גרעסער ווי ענגלאנד.

— מיט א מעהרהייט פון 315 שטי-מען געגען 241 איז אין פראנצויזישען פארלאמענט אנגענומען געווארען דער צוטרוי-פארשלאג צו דאלאדיע'ס רעגי-רונג.

— מיניסטער בעק האט אויפגענומען א יודישע דעלעגאציע פון קאמיטעט פאר קאלאניזאציע פראגען, מיט וועל-כער ער האט ארומגערעדט די נויט-ווענדיגקייט פון א קאנסטרוקטיווער עמיגראציע אקציע און צוזאמענארבייט מיט די קאמפעטענטע מלוכה פאקטא-רען.

— אין ברנאווא (מערב סלאוואקיי) זענען פארגעקומען אנטי-יודישע עקס-צעסען און עס איז אונטערגעצינדען געווארען די שוהל.

— דריי געמישטע האלענדיש ענג-לישע טעכנישע קאמיסיעס זענען אב-געפאהרען קיין אמעריקא און דרום-אפריקא, כדי אויסצופארשען די קאלא-ניזאציע-פארשלאגען, וואס זענען גע-מאכט געווארען פאר יודישער קאלא-ניזאציע.

— דער ראדיא אפעל פון געוו. ענג-לישען פרעמיער לארד באלדווין פאר די יודישע פליטים האט ארויסגערופען א שטארקען אפקלאנג אין ענגלאנד. באלד אין די ערשטע 2 טעג נאכ'ן אפעל זענען געזאמעלט געווארען 50 טויזענד פונט.

— די אנטי-יודישע אקציע אין דאנ-ציג ווערט פארטגעזעצט און פיעל יו-דישע פירמעס ליקווידירען זיך אונ-אויפהערליך. די לעצטע טעג זענען אין דאנציג קאנפיסקירט געווארען אלע יודישע און יודיש-פוילישע צייטונגען פון פוילען.

— אין ווילנע איז געשטארבען אין עלטער פון 34 יאהר דער שריפטשטע-לער אהרן מארק.

— די באזעלער קאנטאנאלע רעגי-רונג האט אנגענומען א בעשלוס, לויט וועלכען שווייצארישע נאציס קענען נישט פערנעמען קיין עפענטליכע פאס-טענס.

— אין צוזאמענהאנג מיט'ן דעקרעט וועגען אויפלעזען די מאסאנען ארגא-ניזאציעס האט די זיכערהייטס מאכט געשלאסען 9 פוילישע לאזשעס, וואס זענען ביז-יעצט געווען טעטיג אין לאנד.

— די יודישע סטודענטען פון דער וואווועלבערג-שולע אין ווארשא זענען דורכ'ן רעקטאר אפגעשטעלט געווארען אין זייערע רעכט צוליעב דעם, וואס זיי האבען נישט געוואלט זיך אוועק-זעצען אויף די געטא-בענק. אויף אזא אופן דראהט די יודישע סטודענטען צו פערלירען א גאנץ יאהר.

— עס איז נעעפענט געווארען די נארמאלע בודזשעט-סעסיע פון סענאט, דערביי זענען געוועהלט געווארען 10 סענאט-קאמיסיעס. אין די דאזיגע קא-מיסיעס איז נישט אריין קיין איינער פון די 2 יודישע סענאטארען.

— אין קאוונא זענען ארעסטירט געווארען מעהרערע אנהענגער פון געוו. דיקטאטאר וואלדעמארס ווי אויך עטליכע אנפיהרער פון דער קריסטלי-כער דעמאקראטיע, וועלכע שטעהען אונטער'ן חשד פון צוגרייטען א פוטש געגען דער איצטיגער ליטווישער רע-גירונג.

— די ניו-יארקער שטאדט פערוואל-טונג בעטראכט א פארשלאג וועגען פערבאטען די נאצי-שיפען דעם צו-טריט צו די ניו יארקער וואסערען.

— אין ווארשא ווילט דער קאוונער בירגערמייסטער מערקיס, וועלכער האט זיך אויך בעטייליגט אין דער ערעפ-נונג פון דער נייער גאסען-ארטעריע, וועלכע פערבינדט די פארשטאדט זשאליבורזש מיט דער מיטעל-שטאדט.

— בעת די וואהלען אין יוגאסלאוויען האט די רעגירונגס פארטיי אבגעהאל-טען א נצחון.

— די דייטשע רעגירונג האט פער-עפענטליכט א קאמוניקאט, אז אלע ביזאיצטיגע און אויך ווייטערדיגע אנ-טי-יודישע פעראָרדנונגען האבען דעם צוועק צוצואיילען די אויסוואנדערונג פון די יודען פון דייטשלאנד. די דיי-טשע רעגירונג איז גרייט צו פערלייכ-טערען די יודישע עמיגראציע מיט'ן בעדינג, אז די אויסלענדישע יודען וועלען צושטעלען די נויטיגע צאהל פרעמדע וואלוטעס.

— דער אדוואקאטען-ראט האט אויפ-געפאדערט אלע אדוואקאטען, אז אין אלע בריף און דאקומענטען ווי אויך אויף די שילדלעך זאלען זיי בענוצען אויסשליסליך זייער פאקטישען נאמען אזוי ווי ער איז פערשריבען אין די ציוויל-אקטען.

דאס שענסטע חנוכה-געלד

אט איז שוין חנוכה, און ווי דער מנהג איז זייט דור-דורות, ריכטען זיך די קינדער און דאס עלטערע יונגוואַרג אויף חנוכה געלד פון טאטע מאמע און קרובים. די ערציהעריש בעסטע, קליג-סטע און צוועקמעסיגסטע מתנה, וואס וועט געבען סיי נחת-רוח און סיי נוּ-צען, איז זיכער א פרעמירט ביכעל פון פ.ק.א. די גרעסטע טובה פאר'ן קינד און דער בעסטער בעוויז פון זארג פאר זיין צוקונפט איז דאס פרעמירטע פ.ק.א.-ביכעל, וואס לערנט די אויפ-וואקסענדע יוגענד אויסדויער און גע-וואוינט זיי צו אבשפארען, געבענדיג גלייכצייטיג די מעגליכקייט צו בילדען, לערנען א פאך א.ד.גל.

חוץ די אבשפארונגען בעקומט מען אויך די שאנסען צו געווינען פרעמיעס, וואס בעטרעפען צו 500, 250, 100 און 50 זל. און וואס זייער ציהונג קומט פאר יעדע דריי חדשים.

נאך דריי יאהר שפארונגען קען דאס פרעמירטע ביכעל דינען ווי א קליינע הלוואה קאסע, וואס אין דרינגענדע פאלען העלפט זי ארויס. פ. ק. א. גיט ארויס, ווען מען לעגט איין דאס בי-כעל, הלוואות ביז 80 פראצ. פון די אבשפארונגען. דערביי בעטייליגט זיך אבער דאס ביכעל אין די פרעמיעס-ציהונגען, וואס קומען פאר אין דער צווישענצייט.

די אלע מעלות האט מען פון 5-זלאטיגע איינצאהלונגען יעדען חודש, וואס עס בעטרעפט בסך הכל 17 גרא-שען א טאג. זאל-זשע די דאזיגע מתנה לכבוד חנוכה ווערען א קוואל פון פרייד פאר'ן יונגוואַרג.

האטעל צרות...

נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין די צוויי ווערטער פון טיטול קאפ גע-פינט זיך אנ'אלט בעקאנט ווארט, וואס איז אונז, יודען, אזוי היימיש, וועט אבער דער אינהאלט פון דעם דאזיגען ארטיקעל זיין א פרעהליכער, א טרייסט-ווארט און א גם זו לטובה. איז דאך אבער די קשיא: וואס בעדייטען די ווערטער האטעל צרות? זאג איך אייך, אז דאס איז פשוט א האטעל, וואס געפינט זיך אין זבאנשין, נאר די פליטים האבען איהם א נאמען געגע-בען „האטעל צרות".

ווען דער שרייבער פון די שורות איז געווען אין זבאנשין מיט אנ'ערך זעקס וואכען צוריק, איז דאס איינארד-נען די פליטים אין זבאנשין נאך גע-ווען אין סטאדיום פון ארגאניזאציע. די ארויסגעטריבענע יודען פון דייטשען „גן עדן" האבען זיך אלץ נאך נישט איינגעלעבט מיט'ן געדאנק, אז די דירת עראי וועט ווערען א דירת קבע, אז מען מוז זיך איינלעבען מיט די צרות און פריירען...

די לעצטע ידיעות וואס מיר האבען דערהאלטען פון א טשענסטאכאווער גע-זעלשאפטליכען מהוער, וועלכער האט א פאר טעג געווייַלט אין זבאנשין, בע-ווייזען, אז נישקשה, מ'קאן זיך צו אלעם צוגעוואוינען און דאס, וואס מען שטעלט זיך פאר אין דער ערשטער מינוט פאר אונמעגליך, ווערט דערנאך א זעלבסטפערשטענדליכע זאך. און אזוי איז דאס אויך געווען אין זבאנ-שין.

אט הערט וואס פארע גליקען די פליטים האבען אין זבאנשין און אויף וועלכע מען דארף זאגען דעם גם זו לטובה.

א) די פערד-באראקען זענען ליקווי-דירט געווארען צוליעב דעם, וואס נישט נאר פאר פערד זענען זיי שער-ליך געווען, נאר אפילו פאר מענשען, פאר די ארויסגעטריבענע יודען זענען די באראקען אויך נישט צוגעפאסט. דאס איז א גרויס געווינס פאר די הו-מאניטארע בעגריפען פון היינטיגען דור און מען דאוף זיך ווינשען מזל-טוב. און נאך א מעלה האט די ליק ווידאציע פון די באראקען, ווארום מען האט די איינוואוינער פון די באראקען איינקווארטירט ביי פריוואטע איינוואוי-נער, וועלכע בעקומען צו 50 גראשען פאר יעדען גוף א נאכט, אזוי, אז די זבאנשינער איינוואוינער וועלען צו דעם עסק נישט דערלייגען און די פליטים, וועלכע שלאפען טאקי אויף ד'ערד, אבער קיין שטשורעס וועלען זיי שוין נישט „סאוואושישען" און אז זיי האבען זוכה געווען דערצו, מעגען זיי זיין ציפרידען און גליקליך.

ב) אין זבאנשין פיהרט זיך אזוי ווי אין אלע אנדערע שטעדט, אז פאר די חגאות פיקעטירט מען יודישע געשעפ-טען, היי-יאהר אבער, א דאנק דעם גרויסען יודישען קבוץ, וואס געפינט זיך דארט און מיט וועלכען מען איז אין האנדעלס-קאנטאקט, וועלען קיין פיקעטען נישט זיין.

נו, זאגט, איז דאס נישט כדאי? אמת, אין זבאנשין וואוינען סך הכל א 7 יודישע פאמיליעס, אזוי, אז קיין סך פיקעטען האט מען נישט געדאפט, אבער איצט איז נישט די פראגע פון איכות, נאר פון כמות און אויב צוליב דעם יודישען „רוך" אין זבאנשין, ווע-לען דארט קיין פיקעטען נישט זיין, איז אויך שוין א גרויסע דערגרייכונג.

ג) פערהאנען אין זבאנשין א גרויסע מיהל, וועלכע האלט 4 שטאק. איז אויף יעדען שטאק פערהאנען א גרוי-סער זאל, אין וועלכען עס וואוינען צו 80 פערזאן. דאס איז א קימא לן פון 340 נפשות. און אט די אלע גע-גיסען פון פעלד-קוכען, וועלכע זענען צו זייער דיספאזיציע. עס איז דער אמת'ער וקבצנו יחד, מען ווערט נעהנ-טער צו זיך, עס איז א התקרבות און ווי זאגט דאס דארט דער פסוק צרת רבים חצי נחמה, איז טאקי זיי דארט וואויל און גוט, וואס בעסער קאן שוין נישט זיין...

ד) עס זענען געווען דריי שוועסטערן, וועלכע האבען געוואוינט אין פערשי-דענע שטעדט אין דייטשלאנד, נאר זיי האבען זיך זעלטען, ווען געזעהען. דאס איינציגע, וואס זיי האט פערבינדען זענען געווען די טויטע בוכשטאבען פון בריעף, וואס מען האט זיך פון צייט צו צייט איבערגעשריבען. דא, אבער, אין זבאנשין האבען זיי אלע זיך צוזאמענגעטראפען און פרעהען זיך טאג-טעגליך, נישט אזוי ווי שוועסטערן, נאר טאקי אזוי ווי ברידער...

ה) יודען, עס קומט אייך א מזל-טוב. אין זבאנשין איז יענע וואך פארגעקו-מען א חופה צווישען צוויי פליטים. מיינט נישט, אז דאס זענען געווען חתן כלה נאך פון לאנג, פון דייטשלאנד. ניין, ערשט דא, אין זבאנשין, האבען זיי זיך בעקענט, זיך געפעלען, פער-ליבט און חתונה געהאט כדת משה וישראל. און עולם האט געהאט אנ'-אטראקציע.

דא זעהט מען בעשיינפערלעך, אז דער זיווג איז מן השמים, ווארום אין דייטשלאנד וואלטען זיי זיך קיינמאל נישט צוזאמענגעטראפען. האט געמוזט פארקומען דער גירוש, אז די צוויי נשמות, וואס זענען בעשטימט געווארען פון אויבען, זאלען זיך דא צוזאמענ-טרעפען און זיך משדך זיין.

ו) קיינער פון די זבאנשינער פליטים בעקלאגט זיך חלילה נישט, אז זיי זע-נען הונגעריג. אמת, ס'געדויערט שעה'ן ביז זיי בעקומען דאס עסען אויך הא-בען זיי נישט די בעקוועמליכקייטען, וואס אמאל אין דער היים, דאס זענען אבער קלייניגקייטען. דער עיקר אבער, אז זיי עסען און ווארימען אן דעם גוף מיט א ביסעל ווארים געקעכטס אויך — טא וואס איז דא צו זינדי-גען?...

ז) קינדער פון 4 ביז 12 יאהר זע-נען איינגעארדענט געווארען בעזונדער אין „סטאדיאן". זייער צאהל דערגרייכט 120, כן ירבו. דא־ט עסען זיי, שלאפען און ווערען בעוואכט דורך א ספעציע-לען אויפזעהער.

ח) אלע קראנקע און אזעלכע זענען דא א היבש ביסעל, ווערען גלייך טראנספא-טירט אין שפיטאל אריין, קיין נאזוי-טאמוש, זאלען זיי נישט מיט זייער קרעכצען און וועהטאגען קאליע מאכען די גוטע פרעהליכע שטימונג פון די אנשי-זבאנשין.

און נישט נאר אין הלכית אכילה איז די פליטים אין זבאנשין גוט און וואויל, נאר אויך אין רוחניות און גייסטיגען זין זענען זיי ממש גליקליך און אט פארוואס.

ט) אין זבאנשין איז פערהאנען א גרויסע שוהל, נאר זעלטען ווען מען האט דארט געדאווענט מיט מנין, סיי-דען די ימים טובים, ווען די יודען פון גליל זענען געקומען. היינט אבער דא-וואנט מען אזש דריי מאל און אויףביידע נסחאות: נוסח אשכנז און נוסח ספרד. און דאס דאווענען קומט פאר מיט אלע קלימפערלעך. מען ליציטירט די עליות, מען דינגט זיך און מען קויפט, מען וועהלט אויס גבאים, מיט איין ווארט, מען פיהרט זיך אויפ'ן אלטען יודישען שטייגער. אין דייטש-לאנד, ווען די יודען פערבלייבען, וואל-טען זיי צו אזא גדולה קיינמאל נישט געקומען.

י) אויך ליטעראַרישע אווענדען און קאנצערטען ווערען איינגעארדענט פון צייט צו-צייט אין דעם אזוי-גערופענעם „צוכט-הויז". אמת, די אויפטריטען קומען פאר ביי פערקאטשעטע לעמפ-לעך און אהן דעקאראציעס, אבער ווי איז דאס געזאגט געווארען, אז עס מוז זיין עלעקטריש? זאל זיך ווי אויסדאכ-טען, אז זיי לעבען אין די צייטען פון שעקספיר'ן, ווען זיינע מייסטער-ווערק זענען אויך אויפגעפיהרט געווארען ביים ליכט פון לאמפ און ליכט.

דעם היינטיגען שבת-צו נאכטס קומט אויך פאר א חנוכה קאנצערט אין וועל-כען עס נעמען אנטייל 15 מוזיקאלישע כחות.

און נישט בלויז די פליטים, וואס זענען ארויסגעטריבען געווארען פון דייטשלאנד לעבט זיך אזוי וואויל און גוט אין זבאנשין, נאר אויך די שטענ-דיגע יודישע איינוואוינער פון זבאנ-שין האבען זיך נישט צו קלאגען אי-בערהויפט דארף מען באמת מקנא זיין די פאמיליע יעלין מיט די גע שוויסטער ערליך, ביי וועלכע עס' וואוינען עטליכע צוואנציג נפשות. די אייגענע פאמיליען מיטגלידער הא-בען טאקי נישט וואו צו שלאפען, אבטרעטענדיג דאס ארט פאר די פליטים, דערפאר אבער, איז ווי דאך היימליך, אויך קענען זיי ביי יעדער מאלצייט בענשען מיט מנין אהן עין הרע...

הכלל, ווי איהר זעהט, איז די יו-דען פוילישע בירגער, וואס זענען ארויסגעטריבען געווארען פון דייטש-לאנד, גוט געשפילט געווארען; זיי האבען לכתחילה געמיינט, אז עס גע-שעהט זיי א גרויס אומגליק, דערוויל האט זיך פאר זיי גאר געמאכט א גליק. זיי דארפען זיך נישט פערדרע-הען דעם קאפ מיט האנדעל און שטיי-ערען, מיט אנדערע קלאפאטען, גאר עסען און טרינקען, הערען אומזיסטע קאנצערטען א. ז. וו. און צווישען אונז זאל עס בלייבען, אפילו ווען עס טרעפט א טויט-פאל, ווערט דאס מת בעגראָ-בען על חשבון הקהל. איז עס דאך אבער יודען, זענען זיי קיינמאל נישט צופרידען און אנשטאט צו לויבען און דאנקען פאר די חסדים, וואס געשעהן מיט זיי, זענען זיי נאך מתרעם און רופען אן זייער צייטווייליג וואוין-ארט, דעם האטעל, וואס פערזארגט זיי מיט אלעם —

האטעל צרות...

סמאל

ש. אקסמאן

די וועגען פון יודישער וואנדערונג

דער הויפט פאקטאר, וואס האט שטענדיג געשטויסען די יודען אויפ׳ן וואנדער־וועג אין משך פון דער טויזענד־יעהריגער יודישער געשיכטע, איז געווען און איז אויך היינט – פערפאלגונגען. דער יוד האט געוואגעלט פון לאנד צו לאנד נאר דערפאר, וואס דאס הערשענדיגע פאלק האט אויף איהם אויסגעאיבט א פאליטישען און עקאנאמישען דרוק, בעשווערט דאס לעבען אזוי, אז דער זעלבסטדערהאלטונגס־אינסטינקט האט איהם געטריבען, דעם אייביגען וואנדערער, צו זוכען נייע אויפהאלטונגס פונקטען.

אין צוויי הויפט־ריכטונגען איז געגאנגען דער יודישער וואנדער־שטראם, וואס האט זיך אייגענטליך אנגעהויבען באלד נאכ׳ן אונטערגאנג פון פאליטישען זעלבסטשטענדיגן לעבען פון יודישען פאלק, ד. ה. נאכ׳ן חורבן פון ירושלים: איין שליאך מיט יודישע וואנדערער האט זיך געצויגען פון מזרח קיין מערב – פון ארץ ישראל און בבל קיין שפאניע, דייטשלאנד, איטאליע און אין די איבעריגע לענדער פון מערב־אייראפע. נאך אייניגע יאהרהונדערט, האבען די יודישע וואגלער געוואנדערט אין דער אומגעקעהרטער ריכטונג – פון מערב קיין מזרח: קיין טערקיי, פוילען – פון לענדער עקאנאמיש און קולטורעל ענטוויקעלטע אין לענדער אבגעשטאנענע און פאראָרימטע.

אין סוף פון 18-טען יאהרהונדערט, ד. ה. נאך 2300 יאהר וואנדערונג – ווייל נאך אין 6-טען יאהרהונדערט פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, האט זיך אנגעהויבען די יודישע עמיגראציע – טרעפען מיר יודען אין זייער אמאליגען פאליטישען צענטער: אין ארץ ישראל, אין זעהר א קליינער צאהל (בערך 19 טויזענד מענשען).

און אין די איבריגע מזרח־לענדער (צפון־אפריקע, קאנסטאנטינאפאל) בערך דריי פירטעל מיליאן מענשען. דער יודישער טעריטאריאלער צענטער, איז אין יענער צייט געווען דאס צעטיילטע פוילען און די ארומיגע לענדער, וואו ס׳זענען געווען קאנצענטרירט ביי אנדערטהאלבען מיליאן יודען. בערך דריי פירטעל מיליאן יודען האבען געוואוינט אין די איבריגע לענדער פון אייראפע. אין אמעריקא, אפריקע (א חוץ ביי די ברעגעס פון מיטעללענדישען ים) און אויסטראליע, איז נאך אין סוף פון 11-טען יאהרהונדערט נישט געווען קיין בעדייטענדער יודישער ישוב.

די יודישע צעשפרייטונג איבער דער וועלט האט נישט קיין ביישפיל ביי קיין שום אנדער פאלק אין דער געשיכטע. אמת, אויך אנדערע פעלקער געפונען זיך צושפרייט צווישען אנדערע לענדער, אבער זיי בילדען א מינימום, לגבי דער צאהל וואס וואוינט אין זייער פאטער־לאנד. די יודען דינען פאר אנ׳איינצעלנעם ביישפיל אין דער געשיכטע, אלס א פאלק וואס קאן עקזיסטירען צוויי טויזענד יאהר אהן א טעריטאריאלען צענטער און דאך קאנסערווירען און אבהיטען זיין אייגענארטיגער נאציאנאלער פיזיאגנאמיע.

* * *

אין דער צייט פון קריסטוס געבורט, האבען אין פאלעסטינע געוואוינט 700.000 טויזענד יודען, און אין די שכנות׳דיגע לענדער – 3,5 מיליאן, די ערשטע שטאדט וואו ס׳האבען דאמאלס געלעבט א סך יודען איז געווען די האלב מיליאניגע אלכסנדריה ביז 20.000 יודען. אין דער עפאכע פון דער רוימישער אימפעריע, האבען יודען געוואנדערט פון מזרח קיין מערב, זיך בעזעצט אויף די פעריפעריעס פון דער גרויסער רוימישער מלוכה: אויף די ברעגעס פון דונאי און ריין, זיך דארט בעשעפטיגט מיט מסחר און געלד הלוואות אויסגעפילט אזעלכע פונקציעס צו וועלכע די דארטיגע שטאט־איינוואוינער זענען נאך נישט געווארען גענוג רייף זיי אויסצופולען.

ווי נאר די פעלקער צווישען וועלכע די יודען האבען געוואוינט, זענען ווירטשאפטליך רייף געווארען, מיט אנדערע ווערטער: האבען קאנען געלערנט די יודישע פרנסה־צווייגען האט זיך אנגעהויבען דער אונז גוט בעקאנטער ארויסשטויסונגס־פראצעס, וואו אויפ׳ן געזעצליכען אויפ׳ן און וואו איינפאך בארבאריש. אזוי האבען די יודען פערלאזט איטאליענישע, דייטשע, פראנצויזישע שטעדט, און אין יאהר 1492 האבען 300 טויזענד יודען פערלאזט שפאניע די יודישע גולים זענען דאמאלס געגאנגען מיט׳ן האנדעלס־שליאך פון מיטעל־לענדישען ים קיין צפון אפריקע און טערקיי; פון פראנקרייך האבען זיי געוואנדערט דורך קעלן, פראג קיין קראקאוו, פשעמישל, לעמבערג, קיעוו. און דורך ווראצלאוו, פויזען, טארון – קיין דאנציג.

אזוי ארום האבען די יודען, וועלכע זענען געווען געצוואונגען אין 14-טען און 15-טען יאהרהונדערט צו פערלאזען מערב און מיטעל אייראפע, געשאפען אין פוילען און אין איהרע שכנות׳דיגע לענדער א פעסטע ווירטשאפטליכע און דעמאגראפישע באזע, וואס עקזיסטירט שוין 700 יאהר. דעם וועג פאר דער עמיגראציע האבען צום ערשטען אויסגעטראטען קליינע גרופעס יודען, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין די ערטער נאך אין סוף פון 12-טען יאהרהונדערט – אלס פאכטער פון „מעניצעס" (מטבע־ווארשטאטען) ביי די פוילישע פירשטען. אין 15-טען יאהרהונדערט לעבען אין פוילען צוואנציג טויזענד יודען און אין סוף פון 16-טען יאהרהונדערט – פאר די צייטען פון סטעפאן באטארי – דערגרייכט די צאהל ביז 100 טויזענד יודען.

צום אנהויב האבען זיך די יודען אין פוילען בעשעפטיגט מיט ארענדירען ביי דער רעגירונג די פערשידענע צינזען און פאדאטקעס. דער צווייטער עטאפ פון דער יודישער עקאנאמישער עקספאנסיע אין פוילען איז געווען – דער מסחר מיט אויסלאנד. אין 16 טען יאהרהונדערט האט די שליאכטע כמעט אינגאנצען איבערגעגעבען אין יודישע הענד דעם עקספארט פון תבואה און וואלד פראדוקטען, האט אזוי שטופענווייז געשאפען אין פוילען א מיטעלער יודישער שטאדט־קלאס (מיעשטשאנסטווא), וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט קליין האנדעל און מלאכה.

דאס 19 טע יאהרהונדערט – די עפאכע פון קאפיטאליזם און ליבעראליזם, איז א תקופה אין וועלכער די יודען שטייגען עקאנאמיש און דעמאגראפיש. אין דאזיגען יאהרהונדערט זענען פארגעקומען אזעלכע גרויסע מאסען־איבערגרופירונגען, וואס איז ביז איצט נישט בעקאנט אין דער געשיכטע. פון יאהר 1830–1930 עמיגרירען פון אייראפע אין די מעבר לים לענדער ביי 50 מיליאן מענשען, צווישען וועלכע 4,2 מיליאן יודען. „ס׳האט זיך דאמאלס אויסגעוויזען – שרייבט דער פוילישער שריפטשטעלער יאן זיעמינסקי, אין זיין נייעם בוך „דאס פראבלעם פון יודישער עמיגראציע" – אז די מאסען עמיגראציע פון יודען אין יענער צייט דאס איז שוין זייער עקסאדוס פון אייראפע. דערווייל לעבען נאך אין אייראפע 10 מיליאן יודען. די וואנדערונגען אין די אויסער־אייראפעאישע לענדער, האט בלויז בעפרייט פלאץ אויפ׳ן אלטען קאנטינענט פאר די צוקונפטיגע דורות יודען". אזוי שרייבט מיט ציין־קריצעניש י. ז. דער טעארעטיקער פון יודישער עמיגראציע אין פוילען.

אין 19 טען יאהרהונדערט, האט אלזא די ווירטשאפטליכע עקספאנסיע פון די יודען אין אייראפע דערגרייכט צום העכסטען פונקט.

אין די לעצטע צעהן יאהר איז די עמיגראציע פון די אייראפעאישע לענדער א מינימאלע, אזוי למשל, האבען פון פוילען עמיגרירט אין די יאהרען 1919–35 ביי 420 טויזענד יודען, א צאהל וואס דעקט קוים דעם נאטירליכען צוזואוקס פון פוילישען יודענטום.

ס׳קומען איצט צייטען ווען מ׳דארף ווידער אויפבלעטערן די געשיכטע פון יודישע וואנדערונגען, זיך בעקענען מיט די אלטע פעהלערן, וואס זענען געמאכט געווארען אין די צייטען פון גרויסען כאאטישען עמיגראציע שטראם, כדי או סצומיידען עהנליכעס אין דער צוקונפט.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

ותשתחוין לאלמתי

אין טשענסטאכאווע איז מיט הונדערט יאהר צוריק געווען א ראש בית דין מיט׳ן נאמען ר׳ משה מייזעלס (געצויגען פון דורנפורטער רב, נפטר געווארען תקצ"ט). ר׳ משה איז געווען א גרויסער למדן, פון דער גאנצער סביבה, האט מען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות ותשובות.

געווען אויך אין אונזער שטאדט א ראש הקהל, א גרויסער עושר, דערביי אבער אויך נאך א גרעסטערער עם־הארץ און בעל־גאוה, געפיהרט זיך מעשה תקיף. ר׳ משה האט פון רה"ק געהאט א סך עגמת־נפש. איינמאל בעת א פערזאמלונג רופט זיך אן דער דאזאר צום ראש בית דין: זאגט מיר מיט וואס שטעהט איהר העכער פון מיר, אייך זענען די היגע יודען מכבד, אויך מיר טהוען זיי אן גרויס כבוד, פאר אייך נייגט זיך יעדער דורכגעהער, אויך צו מיר בוקט זיך יעדער, וואס זעהט מיך וואס דען איז דער אונטערשיד צווישען אייך און מיר? דער ראב"ד האט שוין נישט געקענט מעהר איבערטראגען דאס גרינגשעצען פון דאזאר און געענטפערט: ווי מיר זעהען אין דער תורה, האט יוסף׳ן גע׳חלומ׳ט צוויי חלומות דער ערשטער חלום איז געווען: והנה קמה אלומותיכם ותשתחוין לאלמתי—אייערע בינטלעך האבען זיך געבוקט צו מיינעם, דא שטעהט נאר ויוספו עוד שנא אותו—די ברידער זענען איהם צוליב דעם חלום געווארען שונאים. דאגעגען ביים צווייטען חלום: והנה השמש והירח והכוכבים משתחוים לי—די זון, לבנה און שטערען ביקען זיך צו מיר, שטעהט שוין: ויקנאו בו אחיו: די ברידער האבען איהם מקנא געווען, אבער נישט פיינד געקריגען. אט דאס האט ר׳ משה געזאגט צום רה"ק איז דער חלוק צווישען מיר מיט אייך. אייך מיינט דער ערשטער חלום—די בינטלעך שטרוי, היי, האבער, דאס ערגסטע און געמיינסטע,—די עמי הארצים ביי וועלכע געלד איז זייער גאנץ חיות, משתחוים לאלמתי – בוקען זיך צו אייער בינטעל געלד, דאך אבער זענען זיי אייך שונאים; ווי נאר אבער איהר וועט דאס געלד פערלירען, אדער זיי וועלען האבען מפחד געלד, וועלען זיי אויפהערען אייך מכבד צו זיין. אנדערש אבער איז דער צווייטער חלום, וועלכער געהער צו מיר: והנה השמש והירח והכוכבים, די בני תורה, אינטעליגענץ, יוגענד, די שענסטע פון דער שטאדט, משתחוים לי: נייגען זיך צו מיר, צו דעם איש חכם ונבון, ווי פרעה האט געזאגט, דאס וועט שוין קיינמאל נישט אויפהערען, דען די תורה בלייבט שוין ביי מיר אייביג, דעריבער איז ויקנאו בו אחיו – ווען איז מיך נאר מקנא צוליב מיין לומדות, מ׳האט אבער מיך נישט פיינד דערפאר.

וישב ראובן אל הבור

במכירתו לא היה שם – בעת מ׳האט יוסף׳ן פערקויפט איז ראובן נישט געווען דערביי (רש"י)

צו א רב זענען געקומען עטליכע שותפים האלטען א דין תורה. דער סכסוך איז געווען פאלגענדער:

די שותפים האבען געפיהרט פערשידענע געשעפטען. איינמאל איז איינער פון זיי צוליב פריוואט ענינים פערדרייזט אויף עטליכע וואכען. צופעליג האט זיך געטראפען א פערדינסטעל, וועלכעס האט צו זייער געשעפט נישט געהאט קיין שייכות און די שותפים האבען איהם נישט געוואלט געבען קיין ריוח, טענה׳דיג, אז ווייל ער איז נישט דא געווען, קומט א־הם נישט קיין חלק. דער רב, וועלכער האט צוליב געוויסע סיבות נישט געוואלט אדורכפיהרען די דין תורה, האט געענטפערט: אזא עהנליכער סכסוך געפינט זיך אין דער תורה. יעדער רב אדער סתם בן תורה ווי גאר ער עפענט די גמרא צום לערנען, שטויסט ער זיך אן אין דער טענה פון ראובנ׳ען צו שמעונ׳ען: מנה לי בידך—עס קומט מיר ביי דיר געלד און שמעון לייקענט אב: אין לך בידי כלום—איך בין דיר גאר נישט שולדיג. שטעלט זיך א פראגע, וואס פאר א געלד מאהנט זיך ראובן, וואס שמעון וויל נישט געבען? נאר די טענה איז אזעלכע: בעת די ברידער האבען פערקויפט יוסף׳ן פאר צוואנציג שקלים, איז ראובן נישט געווען דערביי און שמעון, וועלכער איז דאמאלס געווען דער עלטסטער פון די ברידער און מחלק פון געלד האט ראובנ׳ען נישט געוואלט געבען קיין חלק. אט, דאס מאהנט זיך ראובן שוין א סך הונדערטער יאהרען, ליידער אבער האט דער רב גזאגט, איז נאך קיין פסק וועגען דעם סכסוך נישט ארויסגעטראגען געווארען ביז׳ן היינטיגען טאג און ראובן מאהנט זיך ווייטער, דעריבער קען איך אויך קיין פסק וועגען אייער סכסוך נישט ארויסזאגען.

הרימותי קולי

אין ק׳ איז געווען א גביר א גרויסער קמצן, וועלכער האט נישט אנטייל גענומען אין קיין שום דבר שבצדקה. ווי עס איז אבער געקומען א דעה צו זאגען אין קהל׳ישע ענינים, האט ער זיך געלאזט הערען בקול רם. אויך האט ער „געקוואקעט" צו ווערען ראש הקהל. איינמאל איז געקומען נאך ק׳ דער קעלעמער מגיד, וועלכער האט קיינעם נישט נושא פנים געווען און אריינגעזאגט, וואס עס האט זיך נאר געלאזט. עטליכע גבאים פון פערשידענע חבורות זענען געקומען צום מגיד בעטען, ער זאל אין זייג׳ס א דרשה זאגען אביסעל מוסר דעם קמצן און בעל גאוה. בעת אזא דרשה האט זיך געפינען אויך דער קמצן, האט דער מגיד געזאגט: דריי מאל געפינט זיך אין תנ"ך דאס ווארט „הרימותי", הרימותי קולי, איך האב אויפגעהויבען מיין שטימע (וישב), הרימותי ידי, איך האב אויפגעהויבען מיין האנד (בראשית י"ד) און הרימותי בחור מעם (תהלים פ"ט). דאמאלס, האט דער מגיד אויסגערופען: ווען עס איז הרימותי ידי, ווען איך קען הויבען מיין האנד און געבען צדקה, האב איך דאס רעכט אויך צו הרימותי קולי, צו זאגען א דעה אין קהלה ענינים און קען קומען צו הרימותי בחור מעם—צו ווערען א ראש הקהל, איהר אבער, האט ער זיך געוואנדען צום קמצן, וועלכער הויבט נישט אייער האנד צו קיין שום דבר־טוב, האט אויך נישט קיין רעכט צו זאגען א דעה און זאלט שוין פערגעסען פון צו ווערען א „בחור מעם"—א קהלה פיהרער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

היינטיגע צייטען איז שוין אלץ מעגליך...

כמעט די גאנצע וועלט וואונדערט זיך, וואס אין דייטשלאנד, אין קולטורעלען דייטשלאנד, קומען פאר מענשענפרעסערישע מעשים. היות אבער ווי דאס קומט פאר אין די היינטיגע צייטען פון העכסטער קולטור און טעכנישע דערגרייכונגען, איז שוין אלץ מעגליך....

דאס זעלבע פרעגען זיך טשענסטאכאווער יודען וועגען דער רעוואלוציע, וואס קומט פאר אין היגען „דאבראטשינגאשטש".

א סך צעהנדליגער יאהרען עגזיסטירט דער „דאבראטשינגאשטש". די פעסטונג, וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון א גרופע אסימילירטע יודען, קאנסערוואטיסטען, וואס האבען פיינט תכלית השנאה יעדען נייעם געדאנק, יעדען פרישען ווינט. האבען זיי זיך טאקי פערהעמערט אונטער זיעבען שלעסער און קיין נאש־בראט האט דארט קיינמאל נישט געקאנט אריין.

יאהר־יעהרליך זענען פארגעקומען אלגעמיינע פערזאמלונגען, „פרא פארמע" אזוי צו זאגען, ווייל זעלטען ווען עס זאל זיין אנוועזענד א מנין, אינדערציים ווען אין דער פערוואלטונג זענען געוועהלט געווארען אנדערטהאלבען מנינים. דעם פארזיצער פון דער פערזאמלונג האט מען געמוזט בעשטעלען, כדי צו זיין אין ארדנונג מיט׳ן סטאטוט. די גאנצע פערזאמלונג האט געדויערט עפיס ווייניגער ווי א פירטעל שעה און ווי געוועהנליך איז אלץ געבליבען כמקדם, נאר נאך מיט איין פראטאקאל מעהר אין פראטאקאל־בוך און פאר דאנקען פאר די פרעזעסען פון די בעזונדערע סעקציעס.

אזוי האט זיך דאס געפיהרט ביז מיט קנאפע 2 יאהר צוריק. שוין אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג האט מען דערפיהלט בחוש, אז אויך אין דער דאזיגער אינסטיטוציע הויבט זיך עפיס אן ברעכען. אויף די אלגעמיינע פערזאמלונגען האט מען שוין געזעהען פרישע פנימ׳ער, מען האט אויך שוין געהערט א ביסעל אפיקורסישע רייד, דאך אבער האט עס זיך פעריענדיגט בכי טוב און פטור. דאס יאהר 1938 אבער האט געמאכט אנ׳איבערקעהרעניש אין רוהיגען לעבען פון „דאבראטשינגאשטש". דאס פייער, וועלכעס האט געטליעט עטליכע יאהר בסדר האט היי יאהר אויפגעפלאמט מיט דער גאנצער קראפט.

עלעמאל קומען פאר די פערזאמלונגען פון „דאבראטשינגאשטש" אין מיטען זומער. היי־יאהר האט מען זי אבגעלייגט אויף הערבסט. עס איז א סגולה צו די הייסע נערווען. הפנים אבער, אז די שטימונג איז געווען אזוי אנגעגליהט, אז דער קאלטער ווינט, וואס האט דרויסען געקיהלט דעם קערפער, איז נישט געווען בכח אויך צו קיהלען די געמיטער און זעהענדיג, אז די פערזאמלונג וועט קיין גוטס נישט געבען, האט מען איבערגעריקט דעם טערמין אויף א שפעטערדיגער צייט.

דערווייל זענען פארגעקומען אונטערהאנדלונגען. די לייטונג פון „דאבראטשינגאשטש" האט אויסגעוועהלט איהרע מענשען און די אפאזיציע איהרע און מען האט זיך געזעצט צום טיש.

יא, כ׳האב שיעור פערגעסען אייך צו דערצעהלען וועגען וואס דא האנדלט זיך. אלזא זייט וויסען, אז די הויפט־סיבה פון דער קראמאליע, וואס האט זיך אריינגעכאפט אין „דאבראטשינגאשטש", איז די ביטערע לאגע פון יודישען שפיטאל. די צווי־גערופענע אפאזיציע, וועלכע וויל איצט מאכען די איבערקעהרעניש, זענען די זאמלער פאר׳ן יודישען שפיטאל (ווי מען שמועסט האבען זיי טאקי צוזאמענגענומען א היבשע אפוטיקא). זאגען זיי אזוי צו זאגען: היות ווי יעדעס מאל ווען די קאסע פון יודישען שפיטאל ווערט ליידיג, רופט מען אונז און מען הייסט אונז זאמלען, ווילען מיר אויך וויסען, ווי אזוי דאס געלד קומט אחין.

זאגען אבער די געקריגטע קוראטארען: לא. געלד זאמלען דאס דארפט איהר, א דעה זאגען – אויף דעם זענען מיר (בעסער געזאגט, בין איך) דא.

הקיצור, מען איז געזעסען (נישט אין תפיסה) און אבגעזעסען און ווען מען איז ענדליך געקומען צו א הסכם, האט מען געמאלדען וועגען דער אלגעמיינער פערזאמלונג שוין צום צווייטען מאל.

געריכט האט מען זיך, אז דאסמאל וועט עס שוין געהן גלאטיג, אז אלץ איז שוין געווען פון פריהער אבגעשטימט. ווייזט זיך אבער ארויס, אז צו פיעל דינאמיט האט זיך אין משך פון דער צייט אנגעזאמעלט, אז דאס זאל קאנען דורך א רעזאלוציע איינגעשטילט ווערען.

יענע וואך דינסטאג (אין א געוועהנליכען פראסטען דינסטאג) איז ענדליך פארגעקומען די פערזאמלונג, צו וועלכער עס האבען זיך געזאמעלט (אה, מיין גאט) אפשר 80 פערזאן און אויך דריי פרעסע־פארשטעהער. מילא, די צייטונגס־לייט האט מען געלאזט שטעהען ביי דער טהיר, ביז זיי האבען געזעהען, אז זיי זענען איבריג, האבען זיי אליין גענומען דעם וועג. דעם עולם אבער, וואס האט אנגעפולט דעם זאל האט מען נישט געקאנט איגנארירען, האט מען טאקי געהאלטען אין איין רעדען און קריטיקירען. „יעק ריידעלע פא ריידעלע", האט מען גערעדט

ל. יפה

מיר קעמפען און בויען

ווי שטענדיג, האבען די חברים־זשורנאליסטען פולצייליג און פריינדליך זיך אבגערופען אויף מיין איינלאדונג. די פרעסע האט אונז שטענדיג געהאלפען. איך האף, אז איצט וועט איהר הילף זיין ציעל גרעסער און וועט ענטשפרעכען דער טראגעדיע, וואס מיר לעבען איבער, די שוועריגקייטען פון אונזער בעוועגונג, די פאדערונגען פון ארץ־ישראל.

עס איז מיר געווען אונמעגליך אוועקצופאהרען איצט פון ארץ־ישראל. איצט פאהרט מען נישט פון ארץ־ישראל. איך האב זיך לאנג געווערט. נאר מען האט מיך געפאדערט פון פוילען, עס האט געפאדערט די עקזעקוטיווע און דאס דירעקטאריום איך זאל פאהרען. דער רעזולטאט פון דער ארבייט מוז וויינעגסטענס בערעכטיגען מיין רייזע.

אין בעלאגערונגס־צושטאנד

איך בין געווען געצוואונגען צו קומען צו אייך אין שווערע צייטען, נאר מיר זענען נאך קיינמאל נישט געשטאנען פאר אזעלכע שוועריגקייטען אין אונזער ווערק און אין אונזער בעוועגונג ווי איצט. שווערע פאליטישע נסיונות, א וועלט מיט שונאים בעמיהט זיך צו דערשטיקען אונזער ווערק און אונזער בעוועגונג. אין ארץ ישראל געפינען מיר זיך שוין איבער צוויי מיט א האלב יאהר אין א בעלאגערונגס צושטאנד. און דאך איז אונזער מוט נישט געבראכען און אונזער גלויבען איז נישט שוואכער געווארען. מיר וועלען דורכטראגען אלע שוועריגקייטען, מיר אליין און דאס גאנצע יודישע פאלק, וואס דארף שטעהן הינטער אונז געאייניגט, פעסט און צוזאמענגעשלאסען. אונזער קאמף אין ארץ־ישראל און פאר ארץ ישראל איז שווער. גאר דאס איז דער איינציגער קאמף, וואס מיר קאנען פיהרען, דער איינציגער קאמף פאר דעם לעבען פון יודישען פאלק, פאר זיין כבוד און צוקונפט.

דער ישוב האט אין די יאהרען פון דעם הערזאישען עפאס פון זיין פערטיידיגונג געצייגט, וואס פאר א אומנבערשעפליכע לעבענס־קראפט ער פערמאגט, ווי טיעף עס זענען די ווארצלען, וואס ער האט געשלאגען אין באדען פון ארץ־ישראל און וואס פאר א כוח ער שעפט אין דעם צוזאמענוואקסען מיט דעם באדען פון אונזער לאנד.

מיר שטעהען שוין איבער דריטהאלבען יאהר אין פייער פון טעראר. גרויס זענען אונזערע קרבנות. מיר האבען פערלוירען ביז 300 פון אונזערע בעסטע און איידעלסטע, אבער די שונאים איז נישט געלונגען צו צובּרעכען דעם ישוב. ער איז ארויס נאך פעסטער און געאייניגטער, ער האט נישט פערלוירען זיין מוט. אין אויסלאנד הערט מען נאר וועגען שיסען, אנפאלען און קרבנות. מען הערט ווייניגער וועגען דעם, ווי מיר קעמפען, ווי מיר לעבען, ווי מיר שאפען.

די נייע ישובים

אין די צוויי און א האלב יאהר איז דער ישוב געוואקסען אין זיין ענטוויקלונג. גראד אין דער צייט פון די אונרוהען, האבען מיר אויסגעבויט נייע 34 יודישע דערפער, מייסטענטייל אין די געפעהרליכסטע און די פערוואָרפענסטע ערטער פון לאנד. א טייל פון זיי–ביי די גרעניצען, שוצפונקטען און גרעניץ־פונקטען, אין ערטער, ווי אין משך פון 2000 יאהר האט נישט געטרעטען א פוס פון א יוד. זיי ציילען שוין איבער 2.500 נפשות און זייער צאהל וואקסט. פון זיי זענען 4 געגרינדעט געווארען אין די לעצטע צוויי וואכען. איינער נעבען חניתה, א צווייטער–אין גליל און צוויי–אין בית שאן. עס ווענען געגרינדעט געווארען נאך צוויי קלענערע זידלונגען אין שרון און ביי חיפה. מיר צעהלען אין ארץ־ישראל שוין איבער 234 דערפער. די צאהל פון די מענשען אין יודישען דארף האט זיך אין דער צייט פון די אונרוהען פערגרעסערט אויף 35.000 נפשות.

פראדוקציע פון יודישען דארף

אונזערע שונאים האבען געשטרעבט אונז אויסצוהונגערען און מיר האבען פערגרעסערט די פראדוקציע פון יודישען דארף און ער שפייזט שוין אין א גרויסער מאס דעם ישוב. אין יאהר 1935|36 האט „תנובה" פערקויפט 26 מיליאן אייער; אין יאהר 1936|37–39 מיליאן; אין די ערשטע 5 חדשים פון יאהר 1938–21 מיליאן (געגען 18 מיליאן פון דער זעלבער צייט פון פאריגען יאהר). אבער אין דער זעלבער צייט האט מען פון אויסלאנד אריינגעבראכט 36 מיליאן אייער.

עס וואקסט די יודישע מילך־ווירטשאפט, אין 1937 האט דאס יודישע דארף פראדוצירט איבער 33 מיליאן ליטער מילך; אין האלבען יאהר 1938 –איבער 17 מיליאן. אבער אין זעלבען האלבען יאהר האט ארץ ישראל אימפארטירט מילך פראדוקטען אויף קרוב 248.000 פונט. דער גרויסער אימפארט פון שפייז פראדוקטען צייגט, וואס פאר א גרויסע מעגליכקייטען עס זענען נאך דא פאר דער ענטוויקלונג פון יודישען דארף אין ארץ־ישראל.

די פראדוקציע פון באנאנען האט זיך מעהר ווי פערדאפעלט אין לעצטען יאהר. פון 430 טאן אויף 1200 טאן. די פראדוקציע פון אנדערע פרוכטען, ווי עפעל, בארנען, פלוימען א. אנד., וועלכע זענען פערקויפט געווארען דורך „תנובה", האט זיך זייט 1935 פערגרעסערט אויף פינף מאל.

הייִנטיגעס יאהר וועלען נייע 30.000 דונאם ארענזשען געבען פרוכט. פון די יודישע פרדסים וועלען היי־יאהר עקספארטירט ווערען קיין אויסלאנד איבער 8 מיליאן קעסטלעך ארענזשען. (פאריאהרען האט דער גאנצער ארענזשען־עקספארט בעטראפען 11 מיליאן קעסטלעך, פון זיי יודישע 60 פראצ.). ביז 20.000 יודישע ארבייטער וועלען היי־יאהר זיין בעשעפטיגט ביים קטיף.

די בעוואסערונג

אין דער צייט פון די אונרוהען זענען צוגעקומען נייע 27.000 דונאם בעוואסערטען באדען, א חוץ די 9.000 דונאם בעוואסערטען באדען פון דער פריוואטער קאלאניזאציע. פאר די צוויי און א האלב יאהר האט מען אויסגעפיהרט 200 וואסער־בויערונגען. פון זיי זענען בלויז 15 נישט געלונגען. דער יונגסטער ברונעם איז אין חניתה.

די וואסער־געזעלשאפט „קמורות" האט איצט דורכגעלייגט רעהרען אין מפרץ חיפה און עמק־הקישון אויף 17 קילאמעטער לאנג און זי וועט בעוואסערען פון איהרע ברונעמער ביז 20.000 דונאם אין 20 יודישע דערפער. עס ווערט פערגרעסערט די בעוואסערונגס־ארבייט אויך אין עמק חפר און אין עמק הירדן.

די אינדוסטריע

די אינדוסטריע אין ארץ־ישראל האט, זעלבסטפערשטענדליך: געמוזט פיהלען די אומבעשטימטע לאגע, די אומרוהען אין לאנד און די פערקלענערטע עליה. געליטען האט שטארק די אינדוסטריע, וואס איז פערבונדען מיט דער בוי־טעטיגקייט. נאר אין אלגעמיין האט אויך די אינדוסטריע דורכגעטראגען די שווערע צייטען בעסער, ווי מען האט געקאנט ערווארטען. די גרעסערע אינדוסטריען האבען זיך גראד אין די לעצטע יאהרען פערשטארקט און אויסגעוואקסען. צום ביישפיעל: דאס עלעקטריטעטס־ווערק, פאטאש אינדוסטרי, „שמן" און איינעגע אנדערע.

דער געברויך פון עלעקטרישער קראפט איז געוואקסען אין פאלגענדע צאהלען: אין 1936–65 און א האלב מיליאן קילאוואט; אין 1937–71.265 מיליאן קילאוואט; אין ערשטען האלבען יאהר פון 1938–38.856 מיליאן קילאוואט. עס איז אויסגעבויט געווארען ביי תל־אביב א נייע, גרויסע עלעקטרישע סטאציע, וואס טראגט דעם נאמען „רעדינג".

די ארבייטסלאזיגקייט איז כמעט פערשוואונדען. זי איז נישט גרעסער, ווי אין דער צייט פאר די אונרוהען. מענשען זענען בעשעפטיגט ביים קטיף און פיעל זענען בעשעפטיגט אין דער יודישער שוצמאכט און ביי פערשידענע בוי־אונטערנעהמונגען. דאס פערגרעסערט די קויף־קראפט פון ישוב. מען הויבט איצט אן צו בויען א גרויסע ראפינעריע פאר נאפט אין חיפה, וואס וועט קאסטען ביז 5 מיליאן פונט. 2.000 ארבייטער וועלען זיין בעשעפטיגט ביים בוי. פון זיי–א בעדייטענדער טייל יודען. דער פערגרעסערטער ארבייטס־מארק–פערגרעסערט די קויף־קראפט פון דעם ישוב.

דער פארט אין תל־אביב

עס וואקסט און ענטוויקעלט זיך דער פארט אין תל־אביב, וואס איז אויסגעבויט געווארען אין דער צייט פון די אונרוהען. אין די שווערע צייטען האבען מיר בולט געזעהן, וואס דער פארט בעדייט. עס זענען געווען טעג, ווען מען האט געקאנט אריינקומען נאר דורכ'ן תל־אביב'ער פארט. פאר מיין אבפאהר זענען אין פארט געשטאנען אין איין טאג 13 שיפען. געווען א טאג, ווען עס זענען אריינגעקומען דורכ'ן תל־אביב'ער פארט 700 עולים. עס וואקסט זיין אימפארט און עקספארט. דאס יאהר וועלען דורך דעם פארט עקספארטירט ווערען 2 מיליאן קעסטלעך ארענזשען. דער פארט ווערט ווייטער אויפגעבויט און פערגרעסערט. עס ארבייטען ביי איהם 2,000 ארבייטער. צוזאמען מיט חי פה'ער פארט ארבייטען ביים ים ביז 3200 יודען.

אין חיפה איז מיט איינעגע וואכען צוריק געעפענט געווארען ביים טעכניקום א יודישע ים שולע מיט 40 שילער. דאס איז א וויכטיגער שריט פאר־וועררטס אין דער ארבייט פאר דער דעראבערונג פון ים און אין דער בעוועגונג צו דערציהען יודישע ים־מענשען.

(סוף קומט).

ביז נאך 2 ביינאכט און צום סוף האט מען – די פערזאמלונג אבגעלייגט אויף א דריט מאל און גלייכצייטיג איבערגעגעבען די פערשטענדיגונגס־קאמיסיע ווייטער צו ארבייטען. און דערביי האט מען זיי געווינשען, אז דאס מאל זאלען זיי האבען מעהר ערפאלג ווי ביז איצט.

שטעהט דער עולם פערגאפט און ווייסט נישט, וואס דא קומט פאר. ווי איז דאס מעגליך – קענען זיי זיך נישט בערוהיגען – אז אין „דאבראשינאשטש" אין דער דאזיגער קאנסערוואטיווער אסימילירטער אינסטיטוציע זאל פארקומען א רעוואלוציאנערע איבערקעהרעניש. אמת, „דאבראשינאשטש"־לייט ווערען זיך נאך מיט אלע מיטלען. דאס אליין אבער, וואס דארט אין דער דאזיגער נישט־צוטריטליכער פעסטונג האט זיך אריינגעריסען א נייער פרישער ווינט, איז שוין א גרויסע זאך. שטעהט טאקי דער עולם און פרעגט: היתכן! איז דער תירוץ: „היינטיגע צייטען", אויב היינטיגע צייטען קאנען פארקומען אזעלכע קאפאקליזמען אויף דער וועלט, ווי להבדיל, אין דייטשלאנד, קאן שוין אויך מעגליך זיין די רעוואלוציע אין „דאבראטשינאשטש".

יא רבותי, היינטיגע צייטען איז אלץ מעגליך...

שאנאווני פאנאוויע גנבים...

דעם עהרען־טיטול האב איך אייך געגעבען דערפאר, ווייל איהר האט זיך איהם פערדינט, פונט אזוי ווי אלע אנדערע עהרליכע גנבים, נאר וועלכע מען רופט מיט אנדערע נעמען, ווי באנקירען, געזעלשאפטליכע טהוער, סוחרים, פאבריקאנטען, דעפוטאטען, דיפלאמאטען א. אז. וו. אויב זיי רופט מען שאנאווני, טא פארוואס זאל מען אייך נישט אבגעבען קיין אויסנאוועניע? אויך איהר ארבייט שווער און ביטער אויף אייער שטיקעל ברויט.

און טאקי דערפאר, ווייל איהר זענט ענליך אין אייער פאך, אויך האט איהר אייער מאראל (הלואי וואלטען אייערע פאך קאלעגען פון אנדערע בראנזשעס דאס פערמאגט), וויל איך זיך ווענדען צו אייך מיט א בקשה.

בעארבייט נישט די מלוים, וועלכע קומען אויפ'ן בית עולם. ארבייט וואס איהר ווילט. איבעריגענס, וועט איהר דאך ביי מיר נישט פרעגען, נאר אויפ'ן בית עולם, דארט, וואו עס הערשט דער אבסאלוטער אמת, דארפט איהר זיין רוהיג.

יענע וואך, בעת א לויה האט איינער פון אייער חברה געארבייט און פערדינט ביי אנ'ארים מיידעל זעכס זלאטעס. און דער סוף איז געווען, אז ער האט עס איהר געמוזט צוריק אבגעבען. טא וואס טויג מיר די גאנצע ארבייט? איהר זעהט דאך שוין, אז אויפ'ן בית עולם איז נישטא וואס צו טהון. טא קאנט איהר דאך בעסער אויסנוצען אייער ענערגיע אויף אנדערע פלעצער, וואס ס'וועט אייך ברענגען מעהר מזל.

דאן האב איך נאך מאטיווען, וואס וואלטען געקאנט דיענען אלס בעווייז, אז איהר ה"ה גנבים, זאלט צו רוה לאזען דעם בית עולם, נאר איך זאג אייך נישט דערפאר, ווייל איך האלט אייך פאר קלוגע מענשען (דעם בעסטען בעווייז, אז איהר האט זיך אויסגעקליבען אזא אינטעליגענט פאך), וועט איהר שוין פערשטעהן ברמיזא.

זייענדיג זיכער, אז איהר וועט זיך צוהערען צו מיינע רייד, דאנק איך אייך פאראויס, שאנאווני פאנאוויע גנבים...

יודישע עמיגראציע...

דאס אייביג וואנדערענדע יודישע פאלק קאן נישט איינרוהען אויף אנ'ארט. און ווען עס איז נאר דא א מעגליכקייט צו וואנדערן, לויפט מען הענדום פענדום.

אמבולטסטען ווייזט זיך דאס ארויס אין יודישען טעאטער. זעלטען ווען, אז א יודישער בעזוכער זאל זיצען אויף זיין געקויפטען פלאץ. עס ציהט איהם, ממש ווי א מאגנעט, אז ער זאל זיצען דוקא אויף א צווייטען פלאץ. ווער שמועסט, אז עס איז פונקט נישט קיין אויספערקויפטער זאל און פלאץ איז דא גענוג, טא זאלט איהר זיך שוין גארנישט פרעגען, עמיגרירט מען אויפ'ן גאנצען פראנט.

כ'וויל דאס מאל נישט בעריהרען די פראגע וועגען דער סקאנדאליזער האלטונג פון אונזערע יודישע טעאטער־בעזוכער, וואס איז א חרפה און בושה, ווייל צו וואס אויפפרישען די אלטע וואונד. איך וויל נאר דאס מאל פעסטשטעלען א פאקט, אז יודען דאס וואנדער פאלק קאן נישט איינזיצען אויף איין ארט אפילו אין טעאטער.

די זעלבע יודען, ווען זיי קומען אין פוילישען טעאטער, האלטען זיי זיך סטאטעטשנע, מיט א געוויסען דרך־ארץ. אין יודישען טעאטער אבער זאל גאט שומר ומציל זיין. מתחילת זעצען זיי זיך נאך אנידער, וואו עס איז, גיט מען אבער דעם דריטען קלינג, וואס זאגט אן, אז אט אט וועט מען אנהויבען שפיעלען, הויבט זיך אן א לויפען ווי פון א בהלה. יעדער וויל אלץ פערכאפען די ערשטע בענק. עס הויבט זיך אן די אמת'ע עמיגראציע...

עס דראהט א שטרייק פון כהנים...

פערהאנען פערשידענע ארט שטרייקען: אנ'אקופאציע שטרייק, אנ'עקאנאמישער, א פאליטישער שטרייק. אויך די שטרייקער זענען פערשידענארטיגע: עס שטרייקען ארבייטער, עס שטרייקען פויערים, וואס ווילען נישט אריינברענגען פראדוקטען אין שטאדט אריין, עס שטרייקען ווייבער, ווען די מענער ווילען נישט אדער קאנען נישט געבען אויף א קאראקול־מאנטעל אדער צו פאהרען קיין זאקאפאנע, עס שטרייקען אפילו פיקאטניקעס, בעת מען צאהלט זיי נישט אויס זייער שכירות. מילא ווער עס שטרייקט אלץ, נאר אז כהנים זאלען דראהען מיט א שטרייק האט מען נאך נישט געהערט.

און דאך שמועסט מען שטארק, אז שוין אין די נאהנסטע טעג, כ'ווייס און אפשר ווען די שורות וועלען זיך בעווייזען, וועט שוין האבען אויסגעבראכען דער כהנים־שטרייק...

אין וואס אייגענטליך האנדעלט זיך דא? וואס איז די סבה, וואס כהנים, די בחורי־האומה זאלען ערקלערען א שטרייק? איז דער ענטפער: דאס בית־עולם טהירעל. היות ווי דאס זייטיגע טהירעל פון בית עולם, דורך וועלכען די כהנים זענען אריין איז לעצטענס לויט א פעראָרדנונג פון דער חברה־קדושא פערמאכט געווארען און טראץ דעם וואס זיי, די כהנים, האבען זיך שוין עטליכע מאל געווענדען צו דער חברה קדישא, עטליכע מאל מיט אנ'אפעל, אז מען זאל זיי עפענען דאס בית־הקברות־טהירעל, האלטט עס ווי א טויטען. זעהענדיג, אז זייער בקשה ווערט נישט ערפולט, דראהען די כהנים מיט א שטרייק.

אין וואס דער „שטרייק וועט בעשטעהן איז נאך גישט בעוואוסט, וואָרום מיט וואס קענען אונז די כהנים סטראשען? סיידען, אז זיי וועלען אונז נישט בענשען. דאכט זיך, אז דאס איז נישט געפעהרליך. ראשית האבען מיר נאך צו יום טוב אנ'ערך 4 חדשים און וואס ביז דאמאלס וועט געשעהן קען מען נישט וויסען. מעגליך, אז ביז דאמאלס וועלען מיר זיך שוין נישט נויטיגען אין זייערע ברכות... והשנית, זענען מיר, יודען, אזוי אויך געבענשט, אז די כהנים'ס ברכות וועלען שוין אונז די זוב נישט פעט מאכען... סיידען זיי זאלען אגנעמען אנדערע מיטלען...

איבעריגענס ווייס איך נישט פארוואס די כהנים מוזען דוקא אדורכגעהן דורך א הינטער־טהירעל, אין דער צייט, ווען קיינער שטערט זיי נישט צו געהן דורך דעם אפענעם גרויסען פראנט־טויער, אזוי ווי עס שטערט נישט דעם חזן כהן פון דער נייער שוהל. אויב א חזן, וועלכער איז א שליח צבור מעג, טא פארוואס זאלען די געוועהנליכע כהנים נישט טארען? נאר ווידער דאס אייגענע, דאס געהט מיך נישט אן, מיין עסק? איך וויל נאר דא אייך דערצעהלען, אז די טשענסטאכאווער כהנים זענען שטארק אויפגערעגט און א ליאדע טאג וועלען זיי ערקלערען א גענעראל כהנים־שטרייק...

אנ'ערומים־בעריכט...

כ'בין געווען די וואך אויף דער יעהרליכער און אפשר צוויי־יעהרליכער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „מלביש ערומים", וועלכע עגזיסטירט שוין א הונדערט יאהר און כ'מוז מודה זיין, אז דער בעריכט איז געווען אדם נאקעט...

ווער עס איז שולדיג אין דעם אָרימען בעריכט, וויל איך דא נישט בעריהרען, כאטש עס וואלט נישט געשאדט, אז מען זאל וועגען דעם יא א רעד טהון. כדי אבער, אז אין דער צוקונפט זאל אנדערש זיין, איז גלייכער צו שווייגען פון דער פערגאנגענהייט, כאטש דער שכל איז אנדערש מחייב.

אמאל האט דאך דער „מלבוש ערומים" דאך אנגעקליידט אנ'ערך פון 100 קינדער מיט שיכלעך. און היינט? הקצור, אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג פון מענשען, וועלכע קאנען עפעס טהון און זאל מען האפען, אז פון איצט אן וועט עס בעסער געהן.

אין דער איצטיגער שווערער צייט, ווען די גרויזאמע נויט האט זיך ברייט צולייגט אין דער יודישער גאס, נויטיגט זיך זעהר א געזעלשאפט, וואס זאל האבען די אויפגאבע צו בעשיצען בארוויסע פיסלעך און נישט קומען צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג מיט אזא ערומים בעריכט...

אז ס'קאסט נישט קיין געלד...

אונזערע יודען האבען זעהר ליעב אלץ צו זעהען וווען – ווען ס'קאסט נישט קיין געלד.

איבערהויפט זענען יודען להוט נאך מוזיק און חזנות. קומט צו פאהרען א חזן אין שטעדטיל און איז מודיע, אז דא און דא וועט ער לאזען הערען זיין קול נעים וערוב, הויבען זיך אן שיטען יודען פון אלע זייטען. היות אבער ווי דער חזן וויל, אז די מנגנים זאלען איהם מהנה זיין מיט א 50־גער איינטריט, בלייבט מען שטעהן פאר'ן טויער און מען דרעהט זיך אזוי לאנג, ביז עס פאלט צו די נאכט, איז דאך שוין שבת און דאמאלס האבען זיי דאך אנ'אויסרייד. אז שבת וועלען זיי דאך נישט קויפען קיין בילעטען אזוי ארום איז די שוהל פול און דעם חזנ'ס קעשענע איז ליידיג.

דערפאר אבער זאגען די יודען געשמאק מבינות. אויף דעם זענען יודען די אמ'תע מזיקים. יעדער וויל אלץ ארויסווייזען, אז וואס וואס, נאר צו מוזיק, געזאנג, חזנות זאל קען קומען צו איהם פרעגען.

געווען ביי אונז א חזן יענע וואך שבת, געדאווענט אין דער „אהל־יעקב" שוהל אויף בילעטען, זענען געקומען איהם הערען אלע מנגנים און מבינים, נאר אלץ אהן בילעטען.

אונזערע יודען זענען בעלנים אויף א גוטען חזן, נאר – אז ס'קאסט נישט קיין געלד...

לויתן

יודישע געזעלען נוצט אויס די הנחה

פון יאָהר 1927, זינט עס איז אריין אין קראפט דאס אינדוסטריע-געזעץ האלטען מיר אין איין וועקען די יודישע בעלי מלאכות, געזעלען, לערן-יונגלעך, אז זיי זאלען זיך צופאסען צום געזעץ, כדי צו קאנען שאפען פאר זיך א צוקונפט אלס זעלבסטשטענדיגע האנדווערקער און קאנען פיהרען לעגאל זייער ארבייטס-ווארשטאט.

ליידער, איז אונזער רוף גישט אלע-מאל געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. דער יודישער בעל-מלאכה, אזוי גוט דער געזעלען ווי דאס לערן-יונגעל, זענען שטענדיג געווען פאסיוו און האבען געווארט אויף נסים. ווען דער חלף ליגט שוין אבער אויפ'ן האלז קומט מען צו לויפען נאך הילף, וואס קען נישט אלעמאל געגעבען ווערען.

זינט דעם יאָהר 1934 ווערען יאהר יעהרליך געמאכט פערשידענע הנחות פאר די פערנאכלעסיגטע. ס'פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע הנחות ווערען נישט געמאכט ספעציעל פאר יודען, נאר מיר קענען אויך פון זיי געניסען. אויך די הנחות ווערען נישט אויסגענוצט אין די גאנצע הונדערט פראצענט דורך דעם יודישען בעל מלאכה און יעדעס מאל מוזען מיר קומען און וועקען, רופען און ווארנען, אז מען זאל וחמורות האבען אויף זיך און געניסען פון דער הנחה.

דער דאזינער הנחה סיסטעם וועט אבער נישט אייביג אנגעווענדעט ווערען. די יעצטיגע הנחה איז טאקי די לעצטע און אויב זי וועט נישט אויסגענוצט ווערען אין דער ברייטסטער מאס, וועט דאן מעהר גארנישט העלפען.

און אט אין וואס עס בעשטעהט די הנחה: ווי בעוואוסט, זענען פערהאן א סך לערן-יונגלעך, וועלכע האבען אדורכגעמאכט די לעהר ביי בעלי מלאכות, וואס האבען נישט קיין דיפלאמען און דאך האבען זיי בעזוכט די דערגענצונגס שולע. ס'זענען אבער אויך פערהאן לערן-יונגלעך, וועלכע האבען נישט בעזוכט די דערגענצונגס שולע און אויך נישט געשלאסען קיין קאנטראקטען מיט זייערע מייסטערס. לויט'ן פערפליכטענדען געזעץ וועלען זיי קיינמאל נישט קענען פיהרען זעלבסטשטענדיג זייער מלאכה.

לעצטענס איז ארויס א פעראָרדנונג פון מיניסטעריום פאר האנדעל און מלאכה לויט'ן נומער PR.VI.3-205-38 מיט פאלגענדער הנחה: אלע, וועלכע זענען אלט 23 יאהר און ארבייטען אין פאך 5 יאהר צוזאמען מיט דער לעהר מוז בעזיצען א בעשייניגונג פון דער דערגענצונגס-שולע, כאטש ער האט נישט קיין געשלאסענעם קאנטראקט.

אזוי ווי ס'זענען אבער פערהאנען אזעלכע, וואס בעזיצען נישט קיין געשלאסענע קאנטראקטען, און אויך נישט קיין בעשייניגונגען פון ענדיגען א דערגענצונגס-שולע, גיט דער אויבענדערמאנטער אקולניק די מעגליכקייט אדורכצומאכען א קורץ-טערמיניגען קורס, כדי צו קאנען זיך שטעלען צום געזעלען עקזאמען.

דער טערמין פליסט אב דעם 31-טען גרודזיען 1938. עס איז אבער כדאי צו בעמערקען ווי ווייט די הנחה איז חל, אז אזוי ווי דער טערמין איז א קירצער און ס'איז נישטא קיין אויסזיכט, אז די קורץ-טערמיניגע קורסען זאלען זיך ענדיגען דעם 31-טען ד. ח. וועט דער בעטרעפענדער דארפען צושטעלען א בעשטעטיגונג, אז ער בעזוכט דעם קורץ-טערמיניגען קורס, וואס ער וועט ארויסבעקומען פון דער געהעריגער לייטונג פאר'ן 31-טן ד. ח.

ביי דער האנדווערקער-שולע ווערט געעפענט אזא קורץ-טערמיניגער קורס. דארף דעריבער זיין דער הייליגער חוב פון די אלע פעראינטערעסירטע אויסצונוצען די דאזיגע הנחה און זיך שוין צו פערשרייבען אויפ'ן קורס.

געדענקט, אז דאס איז די לעצטע הנחה!

אבא ווינער

א בריעף פון א קריסטין פון דייטשלאנד וועגען די יודען-רדיפות

א קריסטען פון דארף ביאלע (מיר געבען נישט אן די נעמען צוליב פערשטענדליכע טעמים) האט געוויזען א בריעף, וואס זי האט בעקומען פון איהר שוועסטער, וואס וואוינט אין דייטשלאנד אין דער שטאדט קעלן אם ריין.

אין דעם בריעף שרייבט די קריסטין מיט גרויס וועהטאג וועגען די צרות פון די דארטיגע יודען. איבערהויפט שטעלט זי זיך אב אויף א יודישע פאמיליע ל., מיט וועלכע זי איז גוט בעפריינדעט. מען האט די ליבענסווירדיגע פאמיליע ביינאכט ארויסגעריסען פון די בעטען. די הערליכע וואוינונג, די טייערע זאכען, דאס גרויסע געשעפט—אלעס האט מען ביי זיי צוגענומען און זיי פערטריבען אזוי ווי זיי שטעהן און געהען.

וואס האב איך געקענט העלפען די אומגליקליכע יודען—בעדויערט די איידעלע קריסטען—אז מיר אליין לעבען אין שרעק, מען זאל זיך נישט א נעם געבען צו אונז, פוילישע בירגער אין דייטשלאנד.

געוואויר ווערענדיג, אז די פאמיליע געפינט זיך אין זבאנשין ביי פויזען, האב איך געקויפט וועש און זאכען און אוועקגעשיקט 2 פאסט-פאקעטען, פאר וועלכע איך האב בעצאהלט 30 מארק שפעזען.

אמענדע שרייבט די איידעלע קריסטען—אז זי וואלט גערן ענטלאפען פון דעם דייטשען גיהנום, נאר עס האלט זי צוריק דאס דעוויזען-געזעץ, וואס ערלויבט נישט מיטצונעמען דאס געלד, נאר זי האפט, אז לאנגזאם וועט זי דאס געלד אהערשיקען און דערנאך וועט זי נאכקומען.

ווי מען זעהט איז נאכנישט אלעס פער'סמ'ט מיט דעם היטלער-גיפט.

די האנדעלס-שעה'ן אין די ערב-חגאות

די אדמיניסטראטיווע מאכט דערמאנט, אז אין הסכם מיט'ן געזעץ וועגען די האנדעלס שעה'ן ערב חגאות איז ערלויבט צו האנדלען אין די וואכען-טעג ביז 9 א זייגער אווענד און זונטאג דעם 18 טען ד. ח. פון 1 ביז 6 נאכמיטאג.

כוליגאנעס צושלאגען יודישע דורכגעהער

דינסטאג ארום האלב 8 אין אווענד, בעת די פיקעטניקעס האבען זיך צוריקגעקעהרט אויף זאוואדזיע נאכ'ן אויספיהרען זייער „הייליגע מיסיע", זענען זיי אויף מיראווסקא גאס, נעבען דוקאט'ס געוועלב, בעפאלען די רוהיגע יודישע דורכגעהער. דער 37 יעהריגער בלעכער יעקל שמולעוויטש פון נאדזשעטשנע 28 איז שווער צושלאגען געווארען און ער האט געמוזט אנקומען נאך הילף אין יודישע שפיטאל.

די געזעלשאפט „ארט" בענייט איהר טעטיגקייט

די געזעלשאפט „ארט" אין אונזער שטאדט הויבט אן צו בענייען די טעטיגקייט, וועלכע איז לעצטענס צוליעב געוויסע סיבות, אבגעשטעלט געווארען.

אזוי ווערען איינגעארדענט קורסען: 1) האלץ מאדעלעריי פאר מעטאל אויס-ארבייטונגען, 2) שווייסעריי פון מעטאל, 3) טעכנישע צייכנונגען פאר טישלער און שלאסער.

די קורסען ווערען אנגעפיהרט דורך קוואליפיצירטע אינסטרוקטארען און אינזשיניערען.

די פעראינטערעסירטע דארפען זיך וואס פריהער פערשרייבען אין דער קאנצעלאריע פון „ארט", אלעע 12.

גלייכצייטיג הויבט דער „ארט" אן א ווערבירונגס-אקציע.

טשענסטאכאוו וועט ענטפערן!

צו דער אויסערארדענטליכער אקציע פון „קרן היסוד" כופר העם להגנת הישוב.

טשענסטאכאוו נעמט אויף צוויי חשובע געסט, דעם הרב ד"ר מרדכי נוראק און דעם דעלעגירטען ה' נ. גערבאווסקי, וועלכע קומען צו אונז אין שליחות פון דער אויסערארדענטליכער אקציע פון „קרן-היסוד"-כופר העם להגנת הישוב.

הרב ד"ר מ. נוראק, געבוירען אין 1879 איז ער א זוהן פון בעריהמטען מיטאוער רב צבי הירש נוראק ז"ל. ביז צום קריג איז ד"ר נוראק געווען רב אין מיטאו. בשעת דער מלחמה האט ער זיך שטארק אבגעגעבען מיט דער סאציאלער און פאליטישער ארבייט אין רוסלאנד. אין יאהר 1921 קומט ער צוריק קיין לעטלאנד און פערנעמט א פיהרענדע שטעלונג אינ'ם יודישען לעבען. יאהרען לאנג איז הרב נוראק געווען דעפוטאט פון לעטישען פארלאמענט, וואו ער האט אנגעפיהרט מיט דער ארבייט פון יודישען קלוב. ער האט א סך אויסגעטהון אויפ'ן געביט פון ארגאניזירען די מינדערהייטען פאר א געמיינזאמער ארבייט און האט אנטייל גענומען אין די ארבייטען פון די יודישע דעלעגאציעס אין פאריז. ער האט רעפרעזענטירט די מינדערהייטען פון זיין לאנד אויף עטליכע אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען. הרב נוראק געהערט אויך צו די בעגרינדער פון דער יודישער קאנגרעס-בעוועגונג.

אין דער ציוניסטישער בעוועגונג שטעהט הרב נוראק דריי צעהנדליג יאהר און בעלאנגט צו די פיהרענדע פערזענליכקייטען אין דער „מזרחי"-בעוועגונג. זייט דעם ציוניסטישען קאנגרעס אין קארלסבאד (1921) איז הרב נוראק מיטגליד פון אקציאנס-קאמיטעט, וואו ער רעפרעזענטירט דעם „מזרחי". א צייט לאנג איז הרב נוראק געווען וויצע פרעזידענט פון אקציאנס קאמיטעט. זייט 1937 געהערט הרב נוראק צום דירעקטאריום פון „קרן-היסוד".

אלס שריפטשטעלער און זשורנאליסט האט הרב נוראק פערעפענטליכט א רייהע ארבייטען אין דער יודישער און העברעאישער פרעסע. הרב נוראק שמ'ט אויך אלס גלענצענדער רעדנער.

מיט הרב נוראק קומט צו אונז נישט נאר א אינטערעסאנטע, נאר אויך א רעפרעזענטאטיווע פערזענליכקייט.

דער צווייטער שליח, ה' נפתלי גערבאווסקי, איז גוט בעוואוסט דעם יודישען צבור אין אונזער שטאדט פון זייגע בעזוכען אין די פריהערדיגע יאהרען. ה' גערבאווסקי געהערט צו די פעהיגסטע ציוניסטישע טהוער אין פוילען און האט אין משך פון זיין לאנגיאהריגער פרוכטבארער טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון דער ציוניסטישער פראפאגאנדע בעוויזען צוצוציהען גרויסע טיילען פונ'ם יודישען צבור פאר די לייסטונגען לטובת דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל.

די שליחות פון די ראזיגע געסט איז א וואגיגע און אחריות'פולע. זיי קומען צו אונז, כדי צו וועקען און צו מאנען פון יעדען יוד זיין חלק פאר די נויטען פון ישוב, פאר דער פערטיידיגונג און שוץ. דער ישוב אין ארץ ישראל, וואס שטעהט אויפ'ן בלוטיגען פראנט און קעמפט פאר'ן גאנצען פאלק, פאר זיין קיום, פאר זיין היימלאנד און פרייהייט, נויטיגט זיך אין א פעסטען און פרייען הינטערלאנד אין גלות, אין הילף און אנלעהן, בכדי אויסצוהאלטען די שווערע איבערגאנגס צייט און גלייכצייטיג פארטצוזעצען די ווייטערדיגע אויפבוי-ארבייט.

כדי צונויפצושאפען די נויטיגע פינאנסיעלע מיטלען האט דער „קרן-היסוד", לויט'ן אויפטראג פון אונזערע לייטענדע אינסטאנצען, פראקלאמירט היי יאהר א אויסערארדענטליכע אקציע פון „כופר העם להגנת הישוב". אלע טיילען פונ'ם יודישען פאלק, וועלכע האבען נישט די מעגליכקייט צו שטעהן אויפ'ן קאמפס פראנט און געבען דעם קרבן-הדם, מוזען ברענגען זייער קרבן הכסף. צוזאמען מיט די מאטעריעלע מיטלען, וואס עס דארף שאפען היי-יאהר די „קרן-היסוד"-אקציע, דארף זי אויך ברענגען צום אויסדרוק דעם עקשנות'פולען און אונערשיטערליכען ווילען פון פאלק צו שמידען ביי אלע בעדינגונגען און ביי אלע אומשטענדען די צוקונפט פאר איהם און פאר זיינע קינדער.

עס ווילט זיך גלייבען, אז טשענסטאכאו, וועלכע האט תמיד ארויסגעוויזען איהר וואכזאמקייט פאר די נויטען פון ישוב, וועט אין דער איצטיגער גורל-שעה ערפילען איהר חוב פאר ארץ-ישראל אין דער מאס, וועלכע וועט שטעהן אין א פערהעלטניש צום כבוד פון דאס יודישע טשענסטאכאו און צו איהר התחיבות לגבי דעם קעמפענדען ישוב.

מיר בעגריסען די חשובע געסט און ווינשען זיי הצלחה אין זייער וויכטיגער שליחות.

א וויכטיגע פערזאמלונג פון יודישע בלעכער

היות ווי אין קורצען דארף פארקומען אנ'ענדערונג אין צעכען-געזעץ אז אויסער האנדווערקער-קארטן און דיפלאמען וועלען די בלעכער אויך מוזען האבען ספעציעלע קאנצעסיעס כדי צו קאנען פיהרען זייערע ווארשטאטען, קומט פאר מאנטאג, דעם 19 ד. ח. אין אייגענעם לאקאל א גרויסע פערזאמלונג פון אלע יודישע בלעכער.

אלע יודישע בלעכער סיי מיטגלידער פון צעך סיי נישט מיטגלידער דארפען זיין אנוועזענד אויף דער דאזיגער פערזאמלונג.

פון פרויען-פעראיין „עזרה"

דער פרויען-פעראיין „עזרה" מאכט בעקאנט, דאס די יעהרליכע ווינטער-אקציע צו פערטיילען מלבושים און וועש, איז פארגעקומען דעם 23, 25 און 28 טען פאריגען חודש. ס'איז איינגעפלאסען 223 שטיק מלבושים, 227 שטיק וועש, 156 פאר שיך, אויסער נדבות אין באאר אויף דעם צוועק, וועלכע זענען פערטיילט געווארען צווישען 123 בכבוד'ע פאמיליעס, ווי אויך א טייל ארימע קינדער פון דער ת"ת „מחזיקי הדת".

גלייכצייטיג דריקט אויס דער פעראיין איהר הארציגסטען דאנק די אלע שפענדער און די רעדאקציעס פון דער יודישער פרעסע פאר'ן אונטערשטיצען אונזער אקציע.

א פראטעסט-מיטינג

שבת, דעם 17 ד. ח. פונקטליך 10 א זייגער פריה קומט פאר אין זאל פון האנדווערקער-פערבאנד (אלעע 12) א פראטעסט-מיטינג געגען דער ברוטאלער אויסראמונג פון די יודען אין דייטשלאנד.

ארויסטרעטען וועלען די ה"ה: קויפמאן, ברום, שימאנאוויטש א. א.

פון ספארט-קלוב „נורדיה"

די פערוואלטונג פון ס. ק. „נורדיה" שטעהט אין קאנטאקט מיט דעם שלעזישען באקס מייסטער און טרענירער פאווליצא. די טרענינגען פון דער באקס-סעקציע קומען פאר צוויי מאל אין דער וואך.

— די שטארקע פינג-פאנג סעקציע שפילט דעם שבת א מייסטערשאפט-מעטש וועגען דער קלאס „א" מיט „אדמירא".

— דעם 22 טען ד.ח. וועט פארקומען דער ערשטער טרענינג פון דער דאמען-סעקציע אונטער דער לייטונג פון ה' קראקאוויאק.

סטאטיסטיק פון קראנקהייטען און טויט-פאלען

אין משך פון דער פערגאנגענער וואך זענען אין אונזער שטאדט געשטארבען 17 פערזאן, דערפון 16 קריסטען און 1 יוד, ווי אויך 5 קינדער אין עלטער ביז 6 יאהר.

די שטאדט-געזונדהייטס-אבטיילונג האט במשך פון דער זעלבער צייט פערצייכענט 8 פאלען פון אנשטעקענדער קראנקהייט און אדורכגעפיהרט דעזינפעקציע אין 3 וואוינונגען.

„קרן-היסוד"-אקציע אין אונזער שטאדט

פון קומענדען זונטאג הויבט זיך אן אין אונזער שטאדט די אקציע פאר'ן „קרן-היסוד".

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער אקציע קומט אראב צו אונז דער מיטגליד פון דירעקטאריום פון „קרן-היסוד" פיהרער פון לעטישען יודענטום הרב ד"ר מרדכי נוראק.

מארגען שבת 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין דער נייער שוהל א גראנדיעזע חנוכה-פייערונג אויף וועלכער עס וועט צווישען אנדערע אויך ארויסטרעטען הרב ד"ר מרדכי נוראק א. ד. ט. „וואן א פאלק וואכט אויף".

שבת-צונאכט'ס וועט אין זאל פון יודישען גימנאזיום פארקומען א גרויסער באנקעט מיט דער בעטייליגונג פון דירעקטאר פון „קרן-היסוד" אין ירושלים דיכטער לייב יפה.

א סיום וחנוך ספר תורה אין „הכנסת-אורחים"

דעם קומענדען זונטאג קומט פאר א חנוך ספר תורה אין „הכנסת-אורחים".

די דאזיגע אינסטיטוציע, וועלכע גיט א דאך איבער'ן קאפ די היימלאזע וואנדערער ערפולט א גרויסע מיסיע אין יודישען לעבען און פערדינט אונטערשטיצט צו ווערען פון דער ברייטער יודישער געזעלשאפט אין אונזער שטאדט.

דער דאזיגער חנוך וסיום ספר תורה וועט טאקי האבען דעם גרעסטען ערפאלג, כדי דער „הכנסת אורחים" זאל קאנען ווייטער ערפולען זיין הייליגע אויפגאבע.

פון ספארט-קלוב „הפועל"

מיט גרויס אונגעדולד ווערט ערווארט דער היי-יעהריגער ערשטער באקס-מעטש פון „הפועל" מיט „סטראדאם", וועלכער קומט פאר זונטאג, דעם 18 ד. ח. 7 א זייער אווענד אין זאל פון „מכבי", קאטעדראלנע 13.

אינטערעסאנט, צי די יונגע „הפועל" מאנשאפט, וועלכע איז טעכניש צוגעגרייט, וועט שטעלען א גלייכען ווידערשטאנד די רוטינירטע פיזיש-שטארקע באקסער פון „סטראדאם".

פון „מכבי"-כאר

היינט, פרייטאג קומט פאר א פראבע פון כאר. אין פאל פון א גאז-אטאק קומט די פראבע פאר נאכ'ן אטאק. די נאהנטסטע פראבע וועט זיין מאנטאג, דעם 18 ד.ח.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

די גארטען סעקציע ביים „מכבי" איז צום אנקומענדען ווינטער צוגעטרעטען צו איהר נארמאלער יאהר-יעהרליכער ארבייט, ווי אויסשולען פרישע גארטען-פאהרער. צו דעם צוועק איז ארגאניזירט געווארען א גארטען-קורס אונטער דער לייטונג פון מגר. פעפערבערג און מגר. הינטערובנא. די איבונגען קומען פאר אין זאל פון יודישען גימנאזיום. וועגען אינפארמאציעס און איינשרייבונגען זיך צו ווענדען צו ה' פראמער (אלעע 1).

מיט גרויס צופרידענהייט טיילען מיר מיט אלע יודישע ליבהאבער פון ווינטער-גליטש אז נאך לאנגע בעמיהונגען איז דעם „מכבי" געלונגען צו בעקומען דעם פלאץ אין גארטען 1-טע אלעע 12, ווי עס וועט איינגעארדענט ווערען א גליטש פלאץ.

עס איז איבעריג אנצוּווייזען אויף דער וויכטיגקייט פון אזא גליטש-פלאץ אין יודישען געגענד אין דער היינטיגער צייט, ווייל ביז איצט, אז מען איז זיך געגאנגען גליטשען ערגיץ הינטער דער שטאדט איז מען געווען אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע סכנות. יעצט וועט די יודישע יוגענד זיך קענען פראנק און פריי גליטשען און בעוועגען אויף אנ'אייגענעם גליטש-פלאץ.

זונטאג פאהרט אב די באקס-מאנשאפט פון היגען „מכבי" קיין סאסנאוויץ, ווי זי וועט זיך דארט טרעפען אין א מייסטערשאפטס באקס-מעטש מיט דעם שטארקען ב. ק. ס. דער „מכבי" טרעט ארויס אין זיין בעסטען צוזאמענשטעל.

די מאַרגאַרין „מנורה" ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון וואַרשאַווער ראַבינאַט.

די גיכע - הילף פון לופט - פערטיידיגונג אין טשענסטאָכאָוו

די פּראָאויסגעזאָגטע אין מיט גרויס שפּאַנונג ערוואַרטעטע גיכע הילף פון לופט-פערטיידיגונג איז פאָרגעקומען נעכטען.

אויף די מויערען פון דער שטאָדט האָבען זיך בעוויזען אַפישען מיט רויטע ראָהמען און די געהעריגע פעראָרדנונגען. מיטוואָך ארום 7 א זייגער אָוונד האָבען די מעגאַפאָנען פון ראַטהויז כסדר פערעפענטליכט קאָמוניקאַטען, אַז מיט'ן יעצטיגען מאָמענט הויבט זיך אָן די גיכע הילף פון לופט-פערטיידיגונג און זי וועט דויערען ביז צום אָברופען.

אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג איז פערלאָשען געוואָרען דאס גאַסען בעלויכטונג, ווי אויך אין די וואוינונגען, געוועלבער און עפענטליכע לאָקאַלען, וואו דאס בעלייכטונג איז פערדונקעלט געוואָרען. בלויז אויף די גאַסען קרייצונגען האָבען געברענט די לעמפּ, צוגעדעקט מיט בלעך אבאזשורען. די אויטאָס פון דראָזשקעס זענען געפאָהרען ביי גרין אָדער בלוי ליכט. די שטימונג איז געווען אַנ'אומגעוועהנליכע, וואָרום די גאַסען האָבען זיך פולשטענדיג אָבגעליידיגט און דער פערקעהר האָט זיך אָבגעשטעלט. עס האָבען זיך געשטעלט צום דינסט די בערופענע פערזאָנען.

נעכטען, דאָנערשטאָג 7.15 אינדער פריה האָבען זיך דערהערט די סירענעס אלס סימן פון לופט-אַלאַרם. די דורכגעהער האָבען זיך גענומען שיצען אין די הייזער, אזוי אז די גאַסען זענען געווען ווי אָבגעקעהרט. פון די פוהרען זענען אויסגעשפּאַנט געוואָרען די פערד און עס האָבען זיך אָבגעשטעלט די אויטאָס. פיעל פערזאָנען האָבען זיך צוליב דעם פערשפּעטיגט צו זייער בעשעפטיגונג און די שול יוגענד – אין שולע אריין. קורץ פאר 8 א זייגער זייגער איז דער אַלאַרם אָבגערופען געוואָרען.

דער צווייטער אַלאַרם איז אויך סיגנאַליזירט געוואָרען דורך סירענעס 11,20 פאַרמיטאג. ווידער האָבען זיך אָבגעליידיגט די גאַסען און עס זענען געבליבען בלויז די בערופענע שומרים. נאָך עטליכע מינוט האָבען זיך דערהערט קנאַלען. אין פערשידענע פונקטען פון דער שטאָדט זענען געוואָרפען געוואָרען פּעטאַרדעס און גאַז און טרעהרבאָמבעס. גלייכצייטיג זענען סימולירט געוואָרען שרפות אין באַנק פּאָלסקי און אין זאַוואַדעס קאַשאַרען, וואס האָבען געהאט דעם ציעל אויסצופּרובען די געשיקטקייט פון דער געגען-שרפה דינסט.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט איז געווען זעהר גוט, וואס ס'בעווייזט, די אָרדנונג און רוה, וואס האָבען געהערשט אין גאַס.

א אָפענער בריף צום פּרעזעס פון דער גמילת-חסדים-קאַסע ביי דער קהלה אדוואָקאַט קאָנאַרסקי

מיר אונטערגעשריבענע, האָבען זיינער צייט זשירירט וועקסלען פאַר עטליכע פּעטענטען. ס'פערשטעהט זיך, אַז מיר זענען געווען זיכער דאָס די וועקסלען זענען אין דער געהעריגער צייט בעצאהלט געוואָרען, אין געגענפאַל, וואָלטען מיר – לאין ברירה – געמוזט בעצאהלען.

ווי ערשטוינט זענען מיר אָבער געוואָרען, ווען מיר האָבען אין א שעהנעם העלען טאָג בעקומען זיראַקען פון געריכט צו בעצאהלען די סומע מיט גרויסע קאָסטען. פאַר 10 זלאָטעס (צעהן) האָבען מיר בעצאהלט פיערציג זלאָטעס.

פרעגען מיר זיך דעריבער פאָלגענדעס:

1) פאַר וואָס האָט איהר ה' פּרעזעס אונז פריהער נישט מודיע געווען, אז אונזערע זשירירטע וועקסלען זענען פּראָטעסטירט געוואָרען, אזוי אז מיר זאָלען זיי קאָנען בעצאהלען, נאָר אַהער המט באַלד איינגעקלאָגט אין געריכט אריין?

2) צי מעגען מיר וויסען, פאַר וועמען עס זענען בעשטימט די סומעס פון די גרויסע קאָסטען (געוועהנליך אויסער די געריכט'ס קאָסטען)?

3) ווער האָט אייך ה' אדוואָקאַט דערלויבט אויף אזא האַנדלונג?

מיר פאָדערן פון אייך ה' פּרעזעס א געהעריגען ענטפער.

גרשון פּרעגער
יחיאל לאַנדוי
יחיאל יאכימאָוויטש

נדבות אין רעדאַקציע

פאַר די פּליטים פון דייטשלאַנד:
די איינוואוינער פון מיעדזשנא – 19 זל.

פאַר'ן יודישען שפּיטאָל:
ה' משה יוריסטא – 5 זל.

פאַר „תומכי עניים":
ה' פ. פראַפּאַרט צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 10 קילאָ ברויט.
ה' מ. שעפּטעל צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 10 קילאָ ברויט.
ה' י. ליפּסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענער באָבע 10 קילאָ ברויט.
ה' י. ראָזענבערג צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער 5 קילאָ ברויט.

א גרויסע רעווי - פאָרשטעלונג פון דער „יודישער באַנדע" אין פייערלעשער - זאַל

ענדליך וועט קומענדען זונטאג, דעם 18-טען ד. ח. 9 אָוונד פאָרקומען דער לאַנג-ערוואַרטעטער אויפטריט פון די בעריהמטע רעווי אַרטיסטען חנה גראַפבערג, דראַ דאַמבקאָווסקאַ, זישע קאַץ, דוד לעדערמאַן, אייזיק ראָטמאַן א. א. אין זייער פריהליכען פּראָגראַם א. נ. „א מציאה מיט האָניג".

די אויבענדערמאַנטע אַרטיסטען זענען גוט בעקאַנט דעם יודישען טעאַטער-עולם און נויטיגען זיך נישט אין קיין רעקלאַמע.

וועט טאַקי דער דאָזיגער איינציגער אויפטריט געקרוינט ווערען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער דרוקעריי פון ה' באָטשאַן, אלעע 6.

די בילעטען, וועלכע זענען אויסגעקויפט געוואָרען אויף מיטוואָך זענען גילטיג.

אָבגערופען די פאָרלעזונג פון ב. שעפנער

די פאָרלעזונג פון ב. שעפנער, וועלכע איז געווען בעשטימט אויף היינט, פרייטאג אין פייערלעשער זאַל, איז צוליב די גאַז אַנגריפען, געוואָרען אָבגעלעגט. דער טערמין וועט בעזונדער געמאָלדען ווערען.

די אויסגעקויפטע בילעטען וועלען זיין גילטיג.

פון פּליטים-קאָמיטעט

דער קאָמיטעט בעט אלע, וואס האָבען קרובים אין זבאָנשין אדער דוואַרסקע מליני צו מעלדען אין דער קאַנצעלאַריע פון הילפס - קאָמיטעט, אלעע 10 (קהלה-לאָקאַל). כדי אונטערצושרייבען דעקלאַראַציעס, אַז איגסטאַל פון איבערשיקען זייערע קרובים קיין טשענסטאָכאָוו וועלען זיי זיך געפונען אויף זייער אויסהאַלטונג.

צוליב דער דרינגענדיגקייט פון דער מאָמענט ענין וועלען אנגענומען מעלדונגען נאָר ביז'ן 16 ד. ח.

אכטונג, יודישע בלעכער!

היות אין קורצען דאַרף פאָרקומען אַנ'ענדערונג אין צעכען - געזעץ וועגען בלעכער-פאַך, אזוי, אַז בלעכער וועלען אויסער האַנדווערקער קאַרטען און דיפּלאָמען אויך מוזען האָבען א ספּעציעלע קאָנצעסיע, כדי צו קענען פיהרען זעלבסטשטענדיג זייער וואַרשטאַט, ווערט גערופען אויף

מאָנטאָג, ד. 19 ד. ח. פונקטליך 8 אָוונד אין לאָקאַל, אלעע 12

א גרויסע פערזאַמלונג

פון אלע בלעכער-מייסטער, אָהן אונטערשיד, צי זיי געהערען צום צעך. אין זייער אייגענעם אינטערעס דאַרפען אלע יודישע בלעכער מייסטער זיין אַנוועזענד אויף דער פערזאַמלונג.

די פערוו. פון יוד. בלעכער-צעך

עפענטליכע התראה!

איך פאָדער אויף צום לעצטען מאָל דעם ה' זיסמאַן קרויזע, נייער מאַרק 6, מיר צוריקצוגעבען די רעשט איינגעלייגטע ביי איהם געלד ביז דינסטאג דעם 20-טען ד. ח. אין געגענפאַל וועל איך זיין געצווינגען די זאַך איבערצוגעבען דער פּראָקוראַטור און וועל פאַר די קאָנסעקווענצען נישט זיין פעראַנטוואָרטליך.

איך בעמערק, אז דער ענין ווערט דורך דעם ה' קרויזע שוין אזוי אָבגעשלעפּט מיט פערשידענע תירוצים חדשים לאַנג און ער איז שוין זאָגאַר געווען בעהאַנדעלט דורכ'ן ראַבינאַט און לעצטענס אויך דורך אַנ'עהרען-געריכט ביים האַנדווערקער-פערבאַנד, צו וועמענס בעשלוס דער ה' קרויזע האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסען.

מיט אכטונג
מ. י. קויפמאַן.

W detalu ceny ściśle fabryczne — **Najdogodniejsze warunki**

Zawiadomienie.

Zawiadamiamy Sz. P. T. Klientelę, że fabryka nasza przeniesiona do Radomska i powiększona zasila nadal nasz sklep fabryczny, mieszczący się przy

ul. Narutowicza 19-23

naszymi wyrobami.

Sklep nasz stale jest zaopatrzony w wielki wybór **mebli giętych, polerowanych i lakierowanych we wszelkich kolorach, zastosowanych do kolorów fornierów szlachetnych.**

Polecając się nadal łaskawej pamięci Sz. Klijenteli kreślimy się z wysokim poważaniem

Sklep fabryczny
Fabryki mebli giętych D. Szmulewicz i S-ka

WORLD-RADIO

świat w domu...

Doskonałą służbę informacyjną o każdej porze pełni niezawodnie **odbiornik wartościowy** nabyty we firmie **fachowej.**

Prowadzimy wyłącznie odbiorniki uznane powszechnie jako **przodujące.**

Autoryzowana sprzedaż wyrobów firm:

Elektrit
Telefunken
Capello
Korona
Hornyphon

Warunki dogodne.

WORLD-RADIO
Spółka Kom.
N. M. Panny 24, tel. 25-75.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

פּיליע 2-טע אלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

מענער = קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז **12 גר.**

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און פאַסאַנירען קאַפּעלושן, די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער ליימונג פון אַנ'עבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

Kino „LUNA"

צוויי מעכטיגע פילמען!

1) פּוילישער פילם לויט מאַריא ראָדזשעוויטשובנא'ס ערצעהלונג

Wrzos

מיט ענגלובנא, טשוויקלינסקא א"א

2) די רעוואָלוציע קאָמעדיע

Pensjonarka

מיט **DEAANNA DURBIN**

KINO „EDEN"

ווער שטעלט זיך געוועהר צו די מלחמה פיהרענדע צדדים?
ווער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דער מאַסאַקרע פון פרויען און קינדער?

MŚCICIELE

אין די הויפּט-ראָלען:
לאָרעטאַ יונג
רישאַרד גרין

Kino „BAŁTYK" 14–16 אַגראַדאָווע

מעכטיגער פראַנצויזישער פילם לויט פּושקינ'ס ווערק

DUNIA, Córka Poczmistrza

מעכטיגע ליבעס-דראַמע. — — אין די הויפּט-ראָלען: **האַרי באָור, יאַנינאַ קריספען.**

אונזער רעקלאַמע איז: די נייעסטע אַפּאַראַטור, די 3-טע אין פּוילען.

Red. B. Bocian — Wyd. B. Bocian i S-ka — Druk. B. Bocian, Aleja 6